א ליכטיגן תמיד
אודיא
פנים מאירות
אננעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

זונטאג פרשת נצבים תשפ"ב

## אין כוחינו אלא בפה

### אונזער עבודה פון רעדן גוט און ניצן די מויל צום דאווענען

ואתה עיף ויגע גו' [כה, יח]. יש לומר דהתורה מלמדת ומורה לכל איש ישראל הדרך הטוב והישר והנהגה המאושרת איך להנצל מהאויב הרע הטמון בלבו של אדם. דהנה באמת לא זו בלבד דזרע ישראל הם מצווים על מחיית האומה זרעו של עמלק, אלא אף גם כל איש ישראל צריך למחות חלק הרע הטמון בלב כל אדם, המכונה בשם עמלק. ולשרש אחריו שלא ימצא בו שום שמץ ממנו אף משהו בעלמא. דכל זמן שנמצא זרע עמלק בעולם אז כיון דהאדם הוא עולם קטן אז בודאי נמצא בכל אחד כח עמלק וחלק הרע המתעורר בכל פעם להחטיא את האדם ולזה באה הזכירה בתורה הקדושה. והנה **כחם של זרע ישראל אינו אלא בפה הקול קול יעקב בתורה ובתפלה וכשאדם יש לו כח זה ובוער לבו תמיד לה' יתברך אז אין שום רע יכול לשלוט בו חס ושלום.**

(אוהב ישראל פרשת כי תצא)

**תוכן המאמר: אין כוחינו אלא בפה;** טעג פון מאכן א נחת רוח פארן באשעפער / די כח וואס מיר פארמאגן אין די טעג איז בפה / ווען מען רעדט גוט און מען איז באחדות קענען די מקטריגים נישט מקטרג זיין / אין הימל ווארט מען אויף די תפילות פון די אידן / די ערשטע זאך פון תשובה איז: ואהבת לרעך כמוך / דורך אהבת ישראל איז מען מעורר די מידת הרחמים / דורך אהבת ישראל קען מען משפיע זיין כל טוב

### טעג פון מאכן א נחת רוח פארן באשעפער

א גאנץ יאר בעטן מיר פונעם הייליגן באשעפער תפילות, אז דער הייליגער באשעפער זאל אונז מאכן א נחת רוח, ער זאל אונז געבן געזונט פרנסה נחת, מיר בעטן תפילות פונעם אייבערשטן ער זאל פאר אונז מאכן א נחת רוח. מען גייט היינט אריין אין די הייליגע טעג, יעצט איז די זמן ווען מיר וועלן געבן א נחת רוח

פארן אייבערשטן. מיר גיבן זיך אוועק שלאף; עסן; כוחות; תאוות עולם הזה. מיר גיבן זיך אוועק פארן הייליגן באשעפער. "רבונו של עולם! מיר טוען פאר דיר טאטע א נחת רוח! דו ביסט מיין טאטע און איך בין דיין קינד!".

די וואכן פון די ימים נוראים, פון די ימי הרחמים והסליחות, געבן מיר א נחת רוח פארן הייליגן באשעפער פיר און צוואנציג שעה א טאג, זיבן טעג א וואך, אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים זענען אריינגעטון אין מאכן א נחת רוח פארן הייליגן באשעפער, מדה כנגד מדה, וועט דער הייליגער באשעפער אונז פארשרייבן א יאר פון נחת רוח.

## די כח וואס מיר פארמאגן אין די טעג איז בפה

די ספרים הקדושים ברענגען, אז ראש השנה פירט מען זיך צו עסן א קאפ, און אסאך פירן זיך צו עסן א קאפ פון א פיש. וואס עפעס א קאפ פון א פיש? ווייל אין די הייליגע טעג ווייזן אידישע קינדער אז אונזער כח איז אין די פה, אין די מויל, כי אתה שומע תפילה כל פה.

דער גרעסטער פיש וואס זאל נאר זיין, וויאזוי כאפט מען אים? מען לייגט ארויף אויף א שטריקל אזא דינע נאדל, וואס עס כאפט אריין די מויל פונעם פיש, און עס געבט זיך אזא האנקער אריין, אזוי קען מען ארויסשלעפן די פיש. ווען די פיש לאזט ווען נישט אריין דעם נאדל, ווערט ער נישט געכאפט. אבער וויבאלד, ער האט געגעבן א שלעכטן שלינג אריין אין די מויל, איז ער געכאפט געווארן.

אונזער עבודת הקודש אין די הייליגע טעג איז: צו ניצן די מויל ריכטיג. מלמד זכות זיין אויף אידן, מלמד טוב זיין אויף אידן, מליץ יושר זיין אויף אידן, מוחל זיין אידן, ליב האבן אידן, און בענטשן אידן. מתפלל זיין צום הייליגן באשעפער אויף תשובה תפילה וצדקה, אויף חרטה, אלעס איז בפה. לערנען און דאווענען, ניצן די מויל נאר אויף הייליגקייט און אויף לעכטיגקייט. אז מען ניצט די מויל ריכטיג די גאנצע הייליגע טעג, וועלן מיר נישט פארכאפט ווערן אין די נישט גוטס, נאר מיר וועלן אריינגעכאפט ווערן אין די גוטס.

די כח פון א איד איז בפה, ווען א איד זאל גלייבן אין די כוחות וואס מיר האבן אין אונזערע תפילות, אין אונזערע תחנונים, אין אונזערע ברכות, אין אונזערע מליצה טובות, אויף אידישע קינדער, וועט מען בעזר ה' אסאך אויס'פועל'ן. אונזער כח אין די הייליגע טעג, איז בפה.

מען זאל אויסניצן די צייט, צו רעדן צום אייבערשטן, דאווענען צום אייבערשטן, אריינלייגן כוחות אין תפילה, אין זמן תפילה, דאווענען פון אנפאנג ביזן סוף. געבן גוטע ווערטער אויף אידן, בענטשן אידן, זאגן ליכטיגע ווערטער פאר אידן. נעמען די פה און עס אריינברענגען אין תפילה, אין אמונה, אין ברכות, אין פרייליכקייט, אין גליקליכקייט. נישט רעדן דברי עצבות, נישט מרה שחורה, נישט קרעכצן נישט אויף זיך, און נישט אויף כלל ישראל. די עבודת הקודש פון די הייליגע טעג איז, כוחינו בפה.

## ווען מען רעדט גוט און מען איז באחדות קענען די מקטריגים נישט מקטרג זיין

ווען עס איז דא א גאנצע סטאדע פון ציגעלעך, קען נישט קומען די וואלף און אוועקכאפן איין ציגעלע, ער האט מורא. אבער ווען ער זעט איין ציגעלע גייט ארויס פון די חבורה, דעמאלסט קומט דער וואלף און ער כאפט אים אוועק. וילאנג מיר זענען בחבורה, באחדות מיטן כלל ישראל, מען איז מליץ טוב אויף אידן, מען האט ליב אידן, מען מאכט שלום, דעמאלסט קענען די מקטריגים נישט מקטרג זיין ח"ו.

## אין הימל ווארט מען אויף די תפילות פון די אידן

אין ספה"ק 'ערבי נחל' ברענגט ער א מעשה פון איינער פון די תלמידים פון דעם אר"י הקדוש [דער קאמארנער אין חומש ברענגט אז דאס איז געווען רבי יוסף מערבי זצ"ל (וועלכער איז נטמן געווארן מיט גרויס כבוד אין טוניס, אין בית הכנסת 'באל חממה' און ליידער חשוון תשפ"ד צוליב די אומרוען, האבן הונדערטער פראטעסטירער אונטערגעצינדן און פארשוועכט זיין קבר אויף א שווערן אופן ה"י)] אז איין יאר ראש השנה איז געקומען צו אים אליהו הנביא, און אים געזאגט: "למען ה' זאלסטו זיך שטארקן מיט דאווענען, מיט בעטן ביים אייבערשטן, ווייל עס איז דא א שטארקע קטרוג אויבן אין הימל, אויף אזוי ווייט אז אפילו 'מיכאל', דער שר הגדול, דער גרויסער סניגור פון כלל ישראל, וואס ער דערמאנט אלעמאל די זכותים פון כלל ישראל, איז נחלש געווארן, ער האט נישט וואס צו זאגן!".

האט רבי יוסף געפרעגט פון אליהו הנביא: "מען האט אזויפיל תורה געלערנט דורך אויס דאס יאר, וואס טוט זיך מיט די זכות התורה?!".

האט אים אליהו הנביא געענטפערט: "אויף די תורה איז אויך דא א קטרוג, אז מען האט נישט געלערנט ווי עס באדארף צו זיין!".

האט ער אים געפרעגט: "און וואס זאגט אברהם אבינו, די טאטע פון כלל ישראל? פארוואס קומט ער נישט מעורר זיין רחמים?".

האט אים אליהו הנבאי געענטפערט: "אברהם אבינו שעמט זיך מיטן כלל ישראל, ער האט נישט וואס צו זאגן!".

אזוויי רבי יוסף מערבי האט דאס געהערט, איז ער אריין אין א גרויסע פחד. ער האט זיך גענומען שרייען: "רבותי! עם ה' חזקו ונתחזקה! בעד עמינו בעד עיר אלקינו! טוט תשובה אויף די עבירות! דער הייליגער באשעפער זאל אונז מוחל זיין, אז די קטרוגים זאלן בטל ומבוטל ווערן!". און אזוי האט ער געזאגט דברי כבושים פארן כלל ישראל אז מען זאל תשובה טון, מען זאל מעורר זיין רחמי שמים מרובים, ביז עס איז געווארן א געוואלדיגע התעוררות. ביז אליהו הנביא האט אים געזאגט, אז אברהם אבינו מיט די כח התשובה פון זיין קהילה, מיט די כח פון התפילה פון זיין קהילה, האט זיך אברהם אבינו גענומען די כוחות, און ער איז געקומען צום הייליגן באשעפער, און מען האט מהפך געווען די מידת הדין צו מידת הרחמים. און רבי יוסף מערבי האט נאך

יום טוב געשריבן בריוון צו אלע מקומות ארום און ארום, און ער האט פארציילט זיין חלום, מעורר צו זיין נאך קהילות בישראל, אז מען זאל תשובה טון, אז מען זאל מעורר זיין רחמי שמים מרובים.

וואס זעט איר דא? דער מלאך מיכאל, וואס ער איז שטענדיג די מלמד זכות אויף אידן, האט זיך נישט קיין עצה געגעבן, ער האט געדארפט צוקומען צו די תפילות פון אידישע קינדער אויף די וועלט, כדי ער זאל קענען מעורר זיין רחמים. אברהם אבינו, דער הייליגער טאטע אברהם, האט זיך געשעמט, ער האט נישט געהאט די כוחות, ביז א קהילה אין כלל ישראל האט זיך צאמגענומען צו דאווענען, צו מעורר זיין רחמים אין הימל. לאמיר אונז נישט אונטערשאצן אונזערע כוחות עצומות וואס מיר האבן, מיר האבן די כוחות מעורר צו זיין רחמים, מיר האבן די כוחות צו גורם זיין אז אלע גזירות רעות זאלן בטל ווערן, מיר האבן די כוחות משפיע צו זיין פארן כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאר - נאר מיט די כוח הפה, מיט די כח התפילה מעומקא דליבא.

## מעשה בחסיד אחד

*הגאון רבי יחזקאל סארנא ז"ל האט געבויעט א ישיבה פארן קריג אין שטאט חברון, עס האט אים געפעלט צוואנציג טויזנט דאלער צוצוענדיגן אויפבויען די ישיבה. קיין איין עושר האט אים נישט געוואלט בארגן די געלט, ווייל א ישיבה איז נישט קיין געשעפט וואו עס קומט אריין געלט, א ישיבה איז פול מיט הוצאות, קיינער האט אים נישט געוואלט בארגן געלט.*

*איז ער געפארן אין יאר תרצ"א קיין אמעריקא טרעפן אן עושר וואס וויל אים געבן, אדער בארגן, די געלט.*

*איז ער צוגעגאנגן צו אן עושר, און ער האט אים געפרעגט, צו ער וויל אים בארגן די געלט? האט ער אים געפרעגט: "וויאזוי גייסטו עס באצאלן, און ווען גייסטו עס באצאלן?".*

*האט אים רבי יחזקאל געענטפערט: "איך קען דיר עס צוריקגעבן אין צוואנציג יאר ארום!".*

*האט אים דער עושר געענטפערט: "בעצם ביסטו נישט נארמאל. אזוי מאכט מען אן הלואה? צוואנציג טויזנט דאלער אויף צוואנציג יאר?! אבער, איך זע אז דו ביסט אן ערליכער מענטש, דו גלייבסט אין באשעפער, דו טוסט עס בתמימות. איך בארג דיר די געלט!".*

*רבי יחזקאל האט געבארגט די געלט, און געענדיגט אויפבויען די ישיבה. און ער האט געהאלטן ווארט. יעדן טאג האט ער אוועקגעלייגט נאך א דאלער און נאך א דאלער, מיט אלע שוועריקייטן. נאך צוואנציג יאר, האט ער געהאט די גאנצע געלט. ער איז געפארן אויף אמעריקא אויף צו זוכן דעם עושר.*

*נאכן מאכן חקירות ודרישות, וואו דער עושר געפינט זיך, האט אים די עולם געזאגט, אז דער איז מער נישט קיין עושר, ער איז איינער וואס ער וואוינט 'האמליס', ער וואוינט אן א משפחה, אן גארנישט, אין עפעס א קעלער דארטן, ער דרייט זיך ארום ממש 'נע ונד'...*

*דער רבי יחזקאל האט אים אויפגעזוכט, ער האט אים טאקע געטראפן נעבעך אין א קעלער, אין שמוץ, ממש אין אן אשפה, מאיגרא רמה לבירא עמוקתא.*

*האט אים רבי יחזקאל געפרעגט: "דו געדענקסט מיר?!".*

*זאגט ער: "אוודאי געדענק איך דיר! צוואנציג יאר צוריק האסטו געבארגט פון מיר צוואנציג טויזנט דאלער!".*

*האט אים רבי יחזקאל געזאגט: "איך האב געעפנט די ישיבה, איך בין דיר געקומען צוריקגעבן די געלט!".*

*האט זיך דער איד צעלאכט, ער האט געזאגט אזוי: דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן, זיין ווייב לעבט שוין נישט, ער האט נישט קיין קינדער, ער האט נישט קיין געלט, דער הייליגער באשעפער האט פון אים אלעס צוגענומען. ער האט נישט קיין כבוד. דער הייליגער באשעפער האט אים אבער איבערגעלאזט איין מצוה - ער האט געהאלפן אויפבויען א ישיבה. "דאס ווילסטו פון מיר אוועקנעמען?! בשום אופן שבעולם!!", ער נעמט עס נישט צוריק!*

*האט אים רבי יחזקאל געזאגט: "נעם די געלט, וועסטו קענען לעבן ווי א נארמאלער מענטש!".*

*האט ער אים געענטפערט: "לעבן ווי א נארמאלע מענטש?! די אלע זאכן וואס האט פאסירט, האט דער הייליגער באשעפער געטון, איך בין עס מקבל באהבה! אבער וויאזוי ווייז איך ארויס מיין אהבה צום הייליגן באשעפער?! אז איך זאג צום באשעפער: אז דו ווילסט מיר געבן געלט, גיב מיר. אבער די געלט וואס איך האב געגעבן צו בויען א ישיבה, דאס דארף איך נישט! די זכות האב איך! דאס ווילסטו מיר אויך צונעמען?!".*

*האט זיך אנגערופן רבי יחזקאל סארנא: דאס מיינט א איד וואס ער גלייבט באמת אינעם אייבערשטן, וואס ער איז מקבל די עול מלכות שמים באמת, די אלע זאכן וואס דער הייליגער באשעפער האט אים אוועקגענומען, האט ער אזא אמונה אז דאס איז לטובתו, ער האט אזא אמונה אז דאס איז די רצון השם, ער גלייבט אזוי שטארק אינעם אייבערשטן, אז די צדקה געלט וויל ער נישט נעמען פאר זיך, ווייל דאס זענען זיינע זכותים. אזוי נאנט שפירט ער זיך צום אייבערשטן, מיט אזא אמונה פשוטה.*

# ראה מעשה ונזכר...

דער הייליגער באשעפער זאל באשערן פאר יעדעם אלעס גוטס, ער זאל פון קיינעם נישט גארנישט צונעמען, נישט קיין רוחניות, נישט קיין גשמיות. אבער, ווען מען גייט צו צו די סליחות, דארף מען צוגיין מיט א געוואלדיגע אמונה פשוטה, מיט א געוואלדיגע נאנטקייט צום אייבערשטן, מיט א געוואלדיגע בטחון פון 'השלך על ה' יהבך'.

## מעשה בחסיד אחד

*עס איז געווען א כלה וואס האט געדארפט חתונה האבן בשעה טובה ומצלחת, אבער אזוי ווי איר טאטע איז נישט געווען דער גרויסער עושר, דער גרויסער בעל פרנסה, האבן זיי געזוכט א 'תקנות חתונה זאל', ווי מען רופט עס דא*

*אין אמעריקא, דאס הייסט א ביליגע חתונה זאל, ווי מען נעמט אן חתונות פאר משפחות וואס האבן נישט קיין גרויסע געלטער. די זאל וואס מאכט ביליגע חתונות, האט געהאט צוויי זאלן, א קליינע און א גרויסע. און די סדר איז געווען, אז ווער עס מעלדט זיך, אז ער וויל דארט חתונה מאכן, מאכן די פארוואלטונג א גורל פון די אלע מענטשן*

ווער עס קען זוכה זיין צו באקומען איינע פון די זאלן. און נאכדעם מאכט מען נאך א גורל ווער עס וועט זוכה זיין צו די גרויסע זאל און ווער עס וועט זוכה זיין אין די קליינע זאל.

די כלה פון וועם אונז רעד מיר, האט טאקע זוכה געווען צו באקומען איינע פון די זאלן, אבער די קליינע זאל. די כלה איז געווארן אינגאנצן צעבראכן, ווייל עס וועט נישט קענען אריינגיין אלע אירע חבר׳טעס און בני משפחה בדרך הטבע. האט זי געבעטן איר טאטע, צו גיין צו דער וואס האט געווינען די גורל אויף די גרויסע זאל, אויף יענעם דאטום, און פרעגן, אפשר ווילן זיי מאכן א טויש. יענע משפחה זענען נישט אזא גרויסע משפחה, זיי זאלן חתונה מאכן אין די קלענערע, און איבערגעבן די גרעסערע פאר די משפחה.

דער טאטע האט זיך זייער געשעמט, עס האט אים זייער וויי געטון, אבער וואס טוט נישט א טאטע פאר א קינד? איז ער אריבערגעגאנגן צו די מחותן דארטן, און אים געפרעגט. פארשטייט זיך יענער מחותן האט אנגעפאנגן טראכטן, וואס פאר א מין בקשה איז דאס? וואס זאל ער יעצט טון?... אבער ווי נאר די אנדערע כלה האט דאס געהערט, האט זי געזאגט "טאטע, איך וויל האבן די זכות פון מוותר זיין פאר א צווייטן כלה, איך וועל נישט האבן קיין צער פון חתונה האבן אין א קליינע זאל, און איך בעט ענק טאטע מאמע, ענק זאלן אויך נישט האבן קיין צער. יענע כלה וועט האבן צער, איך בין מוותר, איך וויל נישט זען קיין צער אין די נאכט פון מיין חתונה!".

זי האט מוותר געווען. עס האט געהערשט א גרויסע שמחה בייביידע משפחות, די משפחה האט באקומען די גרויסע זאל, איז דאס געוויס א גרויסע שמחה. און די אנדערע משפחה האט זוכה געווען צו אזא טייערע לעכטיגע כלה, וואס איז מוותר אויף די שמחה פון די חתונה נאכט פאר א צווייטן כלה, איז עס דען נישט קיין גרויסע שמחה?!

א טאג צוויי פאר די חתונה, האט אנגערופן א גרויסער עושר, דעם בעל הבית פון די זאל, און ער פרעגט "ווער מאכט חתונה ביי ענק יענע נאכט?". ער מאכט חתונה די זעלבע נאכט, ברוך ה׳ ער איז אן עושר, ער האט געלט. ער וויל אויסצאלן איינע פון די חתונות פון יענע זאל. און דער בעל הבית׳טע פון דעם עושר האט געזאגט "צאל אויס די קלענערע זאל, ווייל דער וואס מאכט חתונה אין די קליינע זאל, מוז זיין אז ער האט זייער ווייניג געלט, דארף מען שטערקער רחמנות האבן אויף זיי, מער ווי דער וואס מאכט חתונה אין די גרויסע זאל!". און אזוי האבן זיי זוכה געווען צו חתונה מאכן אין די קליינע זאל דורך וויתר, און א צווייטער עושר האט נאך אויסגעצאלט די חתונה!...

## ראה מעשה ונזכר...

ווען א איד איז מוותר פאר א צווייטן איד - אויבן אין הימל רעש׳ט זיך! דאס שיקט השפעות טובות! אונז דארף מיר זיך שטעלן צו די ימי הרחמים והדין דורך דעם וואס איין איד איז מוותר פארן צווייטן. אונז קען מיר נישט צוקוקן די צער פון א צווייטן, און אונז געב מיר זיך אוועק פאר א צווייטן איד בתכלית הביטול. לא תקום, ולא תטור, ואהבת לרעך כמוך, און אויבן אוין הימל ווערט א גרויסן רעש. און אין הימל זאגט מען: די אידן זענען זיך מוותר איינער פארן

צווייטן, די אידן קענען נישט צוקוקן די צער פון א צווייטן איד - קל וחומר בן בנו של קל וחומר, אונזער לעכטיגער זיסער גרויסער טאטע אין הימל, אונזער גרויסער קעניג, דער מלך מלכי המלכים הקב"ה, זאגט, מידה כנגד מידה, וועל איך דאך אוודאי נישט צוקוקן די צער פון אידן, דארף איך דאך מוותר זיין און מוחל זיין פאר אלע אידן, און זיי פארשרייבן א לעכטיגע יאר.

## די ערשטע זאך פון תשובה איז: ואהבת לרעך כמוך

אין ספר 'דברי ישראל' (פרשת בחקותי אין די הגהות אות יח) ברענגט ער בשם דער הייליגער קוזמירער זי"ע: ווען א מענטש גייט ערב יום כיפור אנגעטון מיטן קיטל, און ער האלט שוין די לעכט אין די האנט, ער וויל עס גיין טראגן אין בית המדרש. און זיין חבר קומט צו צו אים 'קום לאמיר כאפן א שפאציר, איך וויל זיך אויסרעדן מיין שווער הארץ', זאל ער גיין מיט אים, און פארברענגן די צייט. פארוואס? וואס וויל ער טון אין יום כיפור? תשובה! די ערשטע זאך פון תשובה איז: 'ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה'...

## דורך אהבת ישראל איז מען מעורר די מידת הרחמים

ער ברענגט דארט אויך: ווען צוויי אידן האבן זיך ליב, ווערט א גאנצע שם הוי"ה. צוויי מאל 'אהבה' איז בגימטריה כ"ו אזוי ווי די שם הוי"ה. און מיט דעם טייטשט ער: 'ואהבת לרעך כמוך', אז עס איז דא אן אהבה פון צוויי אידן - 'אני הוי"ה', קומט ארויס די שם הוי"ה, וואס דאס איז, די מידת הרחמים.

## דורך אהבת ישראל קען מען משפיע זיין כל טוב

נאך האט ער געזאגט: אז אידן האבן זיך ליב, ווערט פון אלע אידן איין גרויסער איד, ממילא, פון אלע הענט ווערט איין לאנגער האנט, קען מען דערגרייכן אין הימל און נעמען כל טיב וטוב.

מען גייט זאגן סליחות, מיט א געוואלדיגער אמונה, מיט א געוואלדיגער בטחון, מיט א געוואלדיגער שמחה, מיט התעוררות, מיט תשובה, מיט בכיות, אבער אלעס מתוך שמחה. ווייל מיר זענען די בני מלכים, מיר זענען די ריכטיגע עבדים און בנים למקום. מיט א געוואלדיגער אהבת ישראל, מיט די געוואלדיגע חשיבות אז מיר האבן די כח בפה, וועלן מיר מעורר זיין רחמים מרובים, מהפך זיין אלע דינים לרחמים ולרצון. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן וימלא משאלות לבינו לטובה ולברכה, און דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

# אל הנער הזה התפללתי

## סגולות מפי ספרים וסופרים זוכה צי זיין צו זרע של קיימא [ב]

המשך משבוע העבר:

עס ווערט געברענגט פון רבי חיים פלאגי ז"ל אז א סגולה צו האבן קינדער איז צו בעטן דעם אויבערשטן אז מען וויל האבן בנים זכרים, ערליכע קינדער, מיט א ווילן מקיים צו זיין די מצוה פון "ושננתם לבניך" (לערנען תורה מיט די קינדער) און צו קענען לערנען תורה מיט זיי. מען זאל אינזין האבן אויף דעם הייליגן שם וואס באשטייט פון די אותיות "כ ו ז ו", וואס איז א הייליגער שם וואס קומט נאך די אותיות פון דעם שם הוי"ה. די מקור געפינט זיך אין רבינו בחיי פרשת וישב (בראשית ל"ח, ה) אויף דעם פסוק, "והיה בכזיב בלדתה אותו". מען זאל אויפשרייבן דעם שם, דאווענען צום אויבערשטן, און ארויסברענגען דעם ווילן מקיים צו זיין די מצות עשה פון "פרו ורבו", די מצות עשה פון "ושננתם לבניך", ווי אויך אלע אנדערע מצוות התורה וואס ווערן איבערגעגעבן צו קינדער און צוקונפטיגע דורות. מתבונן זיין אויף דעם שם איז א שטארקע סגולה פאר האבן קינדער.

דער הייליגער רבי פנחס פון קאריץ האט געזאגט אז שמחה איז די גרעסטע סגולה פאר אן עקרה צו האבן קינדער. עס איז דא א ראי' אויף דעם פון תורה, נביאים און כתובים. אין די תורה שטייט ביי שרה אמנו, וואס איז געווען זייער אלט, "ותצחק שרה בקרבה". שרה האט זיך גענומען צו שמחה; זי האט געזען אז זי איז אלט און האט נישט קיין קינדער, און אברהם אבינו איז אויך אלט. זי האט זיך גענומען צו די עבודה פון שמחה, ווי עס שטייט "ותצחק", און דורך די שמחה האט איר דער אייבערשטער געהאלפן צו האבן א קינד. מען זאגט אז דאס איז אויך א שטארקע רפואה על פי דרך הטבע, ווייל שמחה ברענגט רואיגקייט, געלאסנקייט, און אפגעלאזנקייט, וואס פארמיידט שפאנונג אין די נערוון און אברים. די אינערליכע רואיגקייט און ברייטקייט פונעם נפש געבן דעם כח פאר א מענטש צו האבן קינדער, ווייל ווען א מענטש איז אנגעצויגן און פארשפאנט, ברענגט דאס א געוואלדיגע דרוק און שוואכקייט אין דעם גוף, און דאס מאכט זייער שווער צו ווערן טראגעדיג.

אין נביאים שטייט, "רני עקרה לא ילדה". די עקרה וואס האט נישט קיין קינדער זאל זיך פרייען, און דורך איר פרייען זיך וועט זי האבן קינדער.

אין כתובים, שטייט אין תהלים, "מושיבי עקרת הבית אם הבנים שמחה". אויב מען לעבט מיט שמחה, איז מען זוכה צו קינדער. דאס איז א זייער וויכטיגער פונקט: אז דער פארפאלק זאל לעבן מיט שמחה, ספעציעל אין די שווערע צייטן, ווען מען איז נאך נישט געהאלפן געווארן, אדער ווען מען זעט

אנדערע - יונגערע מענטשן, משפחה מיטגלידער, חברים - וואס האבן שוין קינדער. זיי זאלן רעדן פון שמחה, אמונה, און בטחון. זיי זאלן טראכטן, "פארוואס האבן יענע קינדער? ווייל דאס איז וואס דער אייבערשטער האט געוואלט. פארוואס האבן מיר נאך נישט קיין קינדער? ווייל דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל." יעדער איז דא אויף דער וועלט צו טון דעם אייבערשטנ'ס רצון. אויב דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז, אויב דאס איז אונזער תפקיד פאר וואס דער אייבערשטער האט אונז יעצט געשיקט אויף דער וועלט, ווילן מיר זיין געטרייע קינדער, געטרייע סאלדאטן, און זיין פרייליך מיט דעם אייבערשטנ'ס רצון. מיר זענען מבטל אונזערע רצונות פאר דעם אייבערשטנ'ס רצון און זיין פרייליך, און זיך משתתף זיין אין די שמחה פון אנדערע, זיי פארגינען זייער שמחה. דאס איז די גרעסטע רוחניות'דיגע סגולה צו זוכה זיין צו קינדער, בעזרת השם.

עס ווערט אראפגעברענגט אין די ספרים הקדושים, אז סבלנות איז דער שליסל צו געהאלפן ווערן מיט קינדער. מען זאל נישט פרעגן פארוואס דער אייבערשטער האט דאס געטון, פארוואס מען איז אנדערש פון אנדערע, אדער פארוואס אנדערע האבן הצלחה. מען זאל קיינמאל נישט זיין פארביטערט, נאר מען זאל ווייזן פארן אייבערשטן סבלנות, פונקט ווי אונזערע אמהות הקדושות האבן געטון מיט געוואלדיגע סבלנות. מען ווייזט פארן אייבערשטן אז מען איז סובל זיין רצון און מען האלט אין איין חזר'ן "גם זו לטובה" און "כל מה דעביד רחמנא, לטב עביד". דאס זינגען "מזמור לתודה" איז א שטארקע סגולה צו געהאלפן ווערן מיט קינדער.

מ'דערציילט אז די טאכטער פון רבי שמואל קאמינקער האט ליידער נישט זוכה געווען צו קינדער. איינמאל איז רבי רפאל פון בערשיד זצ"ל (פון די תלמידי המובהקים פון הרה"ק רבי פינחס'ל קאריצער זי"ע) געקומען קיין קאמינקא, און רבי שמואל קאמינקער איז נישט געווען אינדערהיים. זיין טאכטער איז געגאנגען צום צדיק רבי רפאל פון בערשיד און געבעטן א ברכה צו זוכה זיין צו קינדער. ער האט געזאגט אז די סגולה פאר קינדער איז שמחה. ווען רבי שמואל קאמינקער איז צוריקגעקומען אהיים, האט זיין טאכטער אים דערציילט וואס רבי רפאל בערשידער האט געזאגט. האט איר טאטע געענטפערט, דאס וואס מיר האבן יעצט געזאגט. "דאס שטייט אין תורה, אין נביאים, און אין כתובים".

אבער איין זאך מוזטו וויסן: דו טארסט נישט פרעגן קיין קשיות. דו טארסט נישט ווייזן קיין עצבות צום אייבערשטן. מיר זענען נישט טרויעריג מיטן אייבערשטן; מיר זענען פרייליך מיטן אייבערשטן און מיר גלייבן אין באשעפער. דאס איז די סגולה.

די טאכטער פון רבי שמואל קאמינקער האט דאן געפרעגט, "אויב שרה איז געווען פרייליך, און איר שמחה איז געווען לשם א סגולה, פארוואס האט דער אייבערשטער איר געמוסר'ט פארן לאכן? זי האט דאך געוואלט ברענגען

קינדער דורך די סגולה פון שמחה!" האט רבי שמואל קאמינקער געענטפערט, "סגולות טוט מען נאר ווען א צדיק גיט א ברכה, אדער ווען א מענטש וויל בכלל האבן קינדער. אבער ווען מען הערט דירעקט פון הקב"ה אז מען וועט האבן קינדער, טאר מען נישט טון קיין שום סגולות."

אפילו אין די תורה זעען מיר דעם באגריף פון עקרות, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן אז ער האט דאס איינגעלייגט אין די בריאה, און די ווען דער אייבערשטער קלויבט אויס און פארטרויט צו דורכגיין דעם נסיון, גלייבט דער אייבערשטער אז זיי זענען געטריי און האבן אים ליב. פאר זיי גיט דער אייבערשטער דעם נסיון. מען טאר נישט אפווארפן דעם נסיון, חס ושלום, אדער זאגן צום אייבערשטן, "ניין, מיר זענען נישט געטריי," חס ושלום. ווייז געטריישאפט און ליבשאפט; דאס איז די סגולה פאר האבן קינדער.

עס ווערט געברענגט אין נפש החיים און אנדערע ספרים באריכות, אז מען נעמט א זילבערנע בלעכל און מען קראצט אויף דעם דעם אות "ה", וואס איז מרמז אויף "הא לכם זרע" (אט האט איר קינדער). א "ה" קייטל וואס א פרוי טראגט איז א סגולה פאר קינדער, ספעציעל ווען עס ווערט געבענטשט דורך צדיקים. כאטש דאס געבן א ברכה טוט צולייגן צו די ווירקזאמקייט, איז די הויפט סגולה צו טראגן א "ה" קייטל.

נאך א סגולה איז, אז נאך א ברית מילה, איידער דער מוהל וואשט אפ דעם מעסער, זאל די פרוי קוקן אויף דעם מעסער וואס מען האט גענוצט צו מל'ן דאס קינד. דאס איז א סגולה פאר קינדער.

ווי די הייליגע טעג דערנענטערן זיך, איז באוואוסט אז דער אתרוג וואס מען נוצט פאר די ברכה דורכאויס די הייליגע טעג פון סוכות איז א סגולה; אויב מען עסט דערפון, איז מען זוכה צו זרע של קיימא קינדער. נאך מער, טייל זאגן אז מען זאל אפבייסן דעם פיטם אדער דעם עוקץ און א טייל פונעם אתרוג און עס עסן, און דאס איז א סגולה פאר קינדער.

נאך א סגולה וואס מען ברענגט איז צו נעמען די הושענות, סיי פון דעם לולב און סיי די וואס מען האט גענוצט פאר'ן קלאפן הושענא רבה. מען זאל דאס אפקאכן און מאכן דערפון א געטראנק. די הייליגע ספרים זאגן אז מען קען אפילו צולייגן אביסל צוקער פאר'ן טעם. סיי דער מאן און סיי די ווייב טרינקען דאס, און עס איז א שטארקע סגולה פאר זרע של קיימא. דער מונקאטשער רב האלט אז מען זאל נישט אפבייסן דעם פיטם אדער עוקץ אין הושענא רבה, נאר מען זאלווארטן ביז איסרו חג. אבער אנדערע פוסקים האלטן אז מען מעג עס טון אפילו אין הושענא רבה. דאס איז א שאלה אין די פוסקים. עכ"פ, אראפנעמען א שטיקל פון אתרוג און עס עסן, און אזוי אויך דאס טרינקען פון די הושענות נאך סוכות, איז א סגולה פאר זרע של קיימא.

המשך יבוא אי"ה

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

# שיחת הכנה לחודש אלול

**המשך משבוע העבר:**

דער טשערנאבלער רבי האט דערציילט אין נאמען פון זיין זיידן, רבי ישעי' פון טשעחויב, אז זיין טאטע, דער הייליגער דברי חיים, האט געהאט א ספעציעלן צימער וואס מ'האט גערופן דעם "אלול צימער". דארט האט ער געעסן, געשלאפן, און זיך מכין געווען צו די ימים נוראים.

דער משגיח פון בארנעוויטש האט דערציילט אז עס איז געווען א דארפסמאן וואס זיין פרנסה איז געווען פון מאלן ווייץ אויף מעהל. ווען דער חודש אלול איז אנגעקומען, פלעגט ער זיך אפזונדערן אין בית המדרש און בשום אופן האט מען אים נישט געקענט זען ארבעטן אדער מאלן ווייץ. ער פלעגט ערקלערן אז פונקט ווי מען נעמט אפ מעשר פון געלט, דארף מען אויך נעמען מעשר פון דעם אייגענעם לעבן. כאטש א צענטל דארף מען אפגעבן פאר עבודת השם, מקדיש זיין פארן באשעפער. דעריבער, יעדן חודש אלול פלעגט ער אפגעבן די טעג אלס זיין מעשר, מקדש זיין די טעג פון אלול און תשרי צום אייבערשטן.

אין וויזשניץ איז נישט געווען דער מנהג צו גיין אין מקוה יעדן טאג. מ'האט מקפיד געווען צו גיין אין מקוה שבת, יום טוב, און יומא דפגרא'ס, אבער אין די טעג פון ספירת העומר, חודש אלול, און עשרת ימי תשובה, איז מען געווען זייער מקפיד צו גיין אין מקוה יעדן טאג. איינער פון די גוטע מנהגים פאר חודש אלול איז צו גיין טעגליך אין מקוה.

אריין צו קומען צום בעלזער רב ר' אהרן זי"ע איז געווען זייער שווער, און ספעציעל אין די ימים נוראים ווען אזויפיל מענטשן פלעגן זיך צוזאמקומען. די גבאים האבן אייגנטליך געוואלט אריינלאזן די מאסן ווען זיי זענען געווען גרויס, ווייל אזוי האבן זיי פארדינט זייערע גבאות-געלטער; זיי האבן געמאכט גוטע פרנסה.

איינמאל האט דער בעלזער רב אויסגערופן, "וואס ווילט איר פון מיר אין די ימי הדין? איך דארף אויך עפעס טון! איך קען נישט יעצט מקבל זיין דעם ציבור. דער ציבור זאל פון דאנעט אוועקגיין!" א פאר מינוט שפעטער איז דער בעלזער רב ווידער ארויסגעקומען און געזאגט, "מען קען נישט אוועקשיקן א אידן. איך האב געזאגט איך וויל זיי נישט מקבל זיין, איך וויל נישט אז זיי זאלן יעצט אריינקומען. אבער א איד טאר נישט אויספירן זאלן זיי טאקע אריינקומען." דאן זענען עטליכע מענטשן מיט קוויטלעך אריינגעלאזט געווארן, און דער בעלזער רב האט נאכאמאל געזאגט, "איך האב געזאגט איך וויל זיי נישט מקבל זיין. א איד טאר נישט אויספירן."

וואס לערנען מיר פון דעם? די עבודה פון רבי אהרן פון בעלזא במשך די ימים נוראים איז געווען נישט צו מקבל זיין מענטשן, ווייל ער האט זיך געדארפט צוגרייטן מיט יראה און ערנסטקייט צום יום הדין, בקדושתו ובטהרתו. אבער ער האט מקבל געווען א קבלה טובה אז פונקט יעצט איז א צייט ווען מען טאר נישט זיין שטרענג אין אויספירן דעם אייגענעם רצון. דאס איז א זייער וויכטיגע עבודה. אויב דו ווילסט שפירן אז דו טוסט עפעס פאר'ן אייבערשטן אין חודש אלול און תשרי, זאלסטו אננעמען אז, לכל הפחות אין די צוויי חדשים, מיט געוואלדיגע כוחות, מיט געוואלדיגע עקשנות, און מיט געוואלדיגע ענוה, טוט א איד נישט אויספירן זיין אייגענעם רצון. ארבעט שווער נישט אויסצופירן דיין אייגענעם רצון.

דער ספר יסוד ושורש העבודה ברענגט אז אסאך אידן האבן געהאט דעם מנהג זיך נישט צו קראצן. זיי האבן אנגענומען יסורים מיט ליבשאפט אלס א כפרה אויף עבירות. זיי האבן געלאזט זיך בייסן און האבן זיך נישט צוריקגעקראצט, ספעציעל במשך די הייליגע טעג פון אלול און תשרי.

אין ספר אמרי פנחס שטייט אז מ'זעט אז די פריערדיגע צדיקים האבן נישט געהאנדלט און געשעפטן אין די הייליגע טעג פון אלול און תשרי. יעדער איד זאל זיך משתדל זיין צו פארמינערן די געשעפטן. יעצט איז נישט די צייט צו זוכן צו מאכן געשעפטן. וואס מ'דארף טון, דארף מען טון, אבער כדי צו שפירן אז ס'איז אלול און תשרי, דארף מען פארמינערן אזעלכע אקטיוויטעטן. מ'זאל זען צו לערנען א שיעור יעדן אינדערפרי, א שיעור יעדן אוונט, א שיעור אינמיטן טאג. לערנען דעם חק, לערנען משניות, אותיות נשמה. דאווענען לענגער, און בכלל נישט רעדן פארן דאווענען קיין דברים בטלים. זען צו זאגן תהלים עטליכע מאל א טאג, אדער כאטש האבן א טעגליכן סדר אין תהלים. נישט הערן קיין טעלעפאן ליינס, נארישקייטן, פאליטיק, אדער שטותים, נאר דברי תורה. דאס איז די עבודה, זיך ארייננצוטון. ס'איז אלול.

אין דער אלטער היים פלעגט מען פאסטן. מיר קענען נישט פאסטן, אבער מיר קענען זיך דערווייטערן פון תאוות. למשל, נישט גיין יעדן טאג אין שויער, און אפילו

אויב איך נעם א שויער, דארף עס נישט זיין הייס וואסער; עס קען זיין לוילעך. מ'דארף נישט אזויפיל זייף. נישט קראצן, זיך נישט ווייקן אין מקוה. נישט זיך אויסציירן, נישט זיך שיין מאכן, נישט זיין פארנומען מיט אויסזען גוט און אטראקטיוו דורכאויס די הייליגע טעג. אלע די זאכן זענען ווי תעניתים און סיגופים. אלע די זאכן זענען א מסירת נפש. אז דער גוף זאל אביסל ליידן. עס האט דאך געזינדיגט, נאך אלעם. מען ווייזט אז מען טוט תיקונים, דאס איז אנשטאט תעניתים און סיגופים.

דער בן איש חי ברענגט אז אין חודש אלול זאל מען פרובירן אויפצושטיין פארטאגס, אוועקנעמען פון שלאף, אמת'דיג זיך מצער זיין, צו זיין א בעל תשובה. גיין וויניגער שפאצירן, היטן שבת מיט מער קדושה און טהרה, דאווענען מער, און וויינען צום אויבערשטן ער זאל האבן רחמנות אויף אונז, אונז מוחל זיין. מען דארף וויינען צום אויבערשטן, זיך אויסרעדן צום אויבערשטן, ווייזן אז מיר גלייבן און מיר ציטערן פון דעם יום הדין.

דער בן איש חי ברענגט א מורא'דיגע זאך: א מענטש זאל נעמען געוויסע סיגופים אויף זיך און האבן רחמנות אויף זיך אליין, "אוי, ווי איז מיין גוף, אז עס מוז זיך אזוי פייניגן, אז עס מוז זיין אזוי שווער." ער זאל פארמינערן זיין שלאף, זיך שטארקן, און האבן רחמנות אויף זיך. און דאס וועט אויפוועקן דעם רחמנות פון הקב"ה אויף אונז, די אידישע קינדער.

א זייער וויכטיגע זאך אין חודש אלול איז זיך צו שטארקן וועגן דעם סוף זמן קריאת שמע, דעם ערשטן סוף זמן קריאת שמע, און דעם סוף זמן תפילה. מען זאל דאווענען מנחה אין צייט, נישט ארייגפאלן אין מנחה אינמיטן א שמועס אדער אינמיטן דער ארבעט. גרייט זיך צו צען ביז פופצן מינוט פאר מנחה אז מען גייט דאווענען מנחה. גרייט זיך צו צען ביז פופצן מינוט פאר מעריב אז מען גייט דאווענען מעריב. מען דארף הארעווען אין חודש אלול און תשרי ארויסצוזאגן די ווערטער פאמעליך, הויך, און קלאר, מיט כוונה. מען דארף זען אז ווען מען מאכט אשר יצר, ווען מען זאגט די ברכות השחר, און אנדערע ברכות ביים עסן, אז עס איז חודש תשרי. עס איז אן אנדערער אופן פון זאגן די ברכות: פאמעליך, הויך, קלאר, מיט כוונה, מיט ווארעמקייט, און מיט ערנסטקייט. דאס איז חודש אלול.

רבי משה ארי' פריינד ברענגט אין זיין ספר אז די עיקר תשובה איז תעניתים, סיגופים און פייניגען זיך. אבער דאס איז נאר געזאגט געווארן פאר די פריערדיגע דורות. און וואס איז מיט אונזערע דורות? אין אונזערע דורות דארף מען ברעכן די תאוות. אויב מ'איז אינמיטן עסן, זאל מען זיך אפשטעלן. ווען ס'איז שרעקליך ציענד צו עסן, זאל מען זיך אפשטעלן. מ'זאל נישט ארייגליגן צופיל אין מויל. מ'זאל נישט עסן אלעס אויף איינמאל. מ'זאל מאכן א הפסק. ס'איז זייער שווער. עס שטייט אין מגיד מישרים, פרשת ויקרא, אז אויב איינער האלט זיך איין פון זיינע תאוות און מאכט א הפסק אינמיטן א תאוה, ווערט עס גערעכנט ווי ער וואלט געפאסט אינמיטן טאג. רבי משה ארי' פריינד זאגט אז דאס איז די עבודה פון אלול און תשרי: עסן וויניגער, נישט עסן קיין נאש, נישט עסן קיין איבעריגע קוקיס, נישט טרינקען צופיל. מ'זאל זיך שטארק מתגבר זיין אויף די תאוות. דער וועג פון עסן זאל זיין א קאמף. מ'זאל זיך איינהאלטן פון עסן עפעס וואס מ'האט ליב בכלל. און אויב מ'מוז עס עסן ווייל דאס איז די עסן וואס מ'באקומט, זאל מען נעמען א שטיקל און ווארטן. מ'זאל זאגן א קאפיטל תהלים. מ'זאל ליינען א מעשה פון א צדיק. מ'זאל לערנען עפעס פון א ספר. מ'זאל זיך איינהאלטן פון תאוות בכלל, און פון עסן מיט תאוה. און מ'דארף זיך טאקע איינהאלטן פון עסן נארישקייטן. מ'דארף נישט אזויפיל עסן, אפילו א גאנץ יאר. מ'קען זיך אפשר נישט איינהאלטן, אבער אין אלול און תשרי מוז מען זיך קענען איינהאלטן.

אזוי ווי רבינו יונה ברענגט, ווען א מענטש עסט און האט א תאווה צו עסן נאך, זאל ער נישט נאכגעבן די תאווה. דאס זעלבע איז געזאגט געווארן, ווען א מענטש האט א תאווה צו זאגן פאר עמיצן עפעס; ער זאל זיך איינהאלטן. ווען ער האט א תאווה צו דערציילן א מעשה וואס ער האט געזען, זאל ער זיך איינהאלטן. מען זאל נישט רעדן קיין איבריגע דיבורים. צדיקים האבן ארייגעלייגט גרויסע כוחות אין "תענית דיבור". טעג און שעות פלעגן אריבערגיין וואו זיי האבן זיך איינגעהאלטן פון רעדן. זיי האבן זיך איינגעהאלטן פון קוקן, פון ניצן זייערע אויגן פאר נארישע זאכן. און אזוי אויך, אלע אנדערע אברים וואו עס איז דא א תאווה, האלט מען זיך איין. מען האלט זיך איין פון ווערן אין כעס. מען האלט זיך איין פון מאכן א מחלוקת. מען האלט זיך איין פון טון זאכן וואס שטערן דעם עבודת השם און וואס ברענגען תאוות.

**המשך יבוא אי"ה**

קונטרס

# מאור הזמן

באידיש

מאמר: אונזער גרויסער כח פון זאגן 'מאה ברכות' יעדן טאג

די בעסטע הכנה און קבלה טובה, אין די הייליגע טעג

מאמרי

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יצא לאור
על ידי מערכת פנים מאירות סיקסא
אלול תשפ"ה

# מערכת פנים מאירות

מכון להוצאות שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

## יכולין לשמוע השיעורים:

## בקול פנים מאירות

ארה"ב: -845-414-8211

845-414-0076

**א"י:** 072-370-1823

**ענגלאנד:** 0330-350-3190

**ארגענטינע:** 5411-2152-7691

**אנטווערפן:**323-346-0673

## לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:

gilyonospm@gmail.com

**גם יכולין לשמוע השיעורים על: קול הלשון/פנים מאירות**

# מאמר: אונזער גרויסער כח פון זאגן 'מאה ברכות' יעדן טאג

## די בעסטע הכנה און קבלה טובה, אין די הייליגע טעג

נאמרה בסעודת רעוה דרעוין פרשת עקב תשפ"ה

סעודת רעוא דרעוין. קומענדיגע וואך גייט שוין זיין חודש אלול. ס'כאפט א פחד נורא. עס איז דורכגעגאנגען א יאר. עס איז א זמן פון תשובה, א זמן פון חשבון הנפש. עס איז שוין מברכים אלול, עס איז שוין ערב ראש חודש אלול. עס איז א זמן וואס א איד דארף זיך מעורר זיין און זיך אויפוועקן און זיך אריינטראכטן און מאכן א חשבון הנפש, מאכן קבלות טובות.

ווען מען גרייט זיך צו די הייליגע טעג, צו די ימים נוראים, ימים של שמחה, ימי הרחמים והרצון, ימי הדין. דער הייליגער באשעפערווארט אויף די אידישע קינדער. די אידישע קינדער זאלן זיך צוריקקערן, די אידישע קינדער זאלן טון וואס איז ריכטיג און נאר טון א נחת רוח פארן אייבערשטן.

פאר אן הקדמה צו חודש אלול האבן מיר געליינט אין די וואכעדיגע פרשה **ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה**. זאגט רש"י הקדוש הייליגע ווערטער: "ובכל מה שחטאתם לפניו" - מיט דעם אלעם וואס איר האט געזינדיגט פארן אייבערשטן - "אינו שואל מכם כי אם ליראה", וואס סך הכל בעט ער נאר אז מען זאל מורא האבן פונעם אייבערשטן.

פרעגט דער הייליגער **שם משמואל:** לכאורה דארף מען פארשטיין וואס זאגט רש"י. אין פסוק שטייט דאך ווייטער נישט נאר "ליראה", נאר עס שטייט אויך **"ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו ולעבוד את ה' אלוקיך בכל לבבך ובכל נפשך ולשמור את מצות ה'"** וגו'. עס שטייט דאך אלעס אין פסוק אויסגערעכנט: יראת ה', אהבת ה', קיום מצות עשה, זיין אפגעהיטן פון א לא תעשה. וואס איז פשט אז רש"י זאגט אז עס שטייט נאר "כי אם ליראה", ווען ס'שטייט א גאנצע פסוק ווייטער אויסגערעכנט בפרטיות וואס דער הייליגער באשעפער פאדערט פון אונז?

זאגט דער הייליגער שם משמואל: ס'איז דא א מדרש אין תהלים. דוד המלך זאגט "אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש" - ער בעט נאר איין בקשה. האט אים דער הייליגער באשעפער געזאגט: "קודם זאגסטו 'אחת שאלתי... שבתי בבית ה'" - דו ווילסט זיצן אין דעם בית ה' כל ימי חיי, און נאך דעם גייסטו און בעטסט 'לחזות בנעום ה' ולבקר בהיכלו'. איך האב געמיינט אז דו בעטסט נאר איין בקשה." אמר לפניו - האט דוד המלך געזאגט פארן רבונו של עולם: "לא יהא העבד שוה לרבו" - זאל דער עבד נישט זיין גלייך צו זיין הער? בתחילה שרייבסטו אין די תורה "ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה", און דערנאך הייבסטו אן "ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו" און אזוי ווייטער. "די לעבד שיהא כרבו" - אזוי האב איך געזען אין די תורה, און איך טו אויך אזוי: "אחת שאלתי מאת ה'" און איך בעט נאכדעם אסאך בקשות.

וואס איז דער פשט פון דעם מדרש? זאגט דער שם משמואל מורא'דיגע, יסודות'דיגע ווערטער. זאגט ער אזוי: דער הייליגער באשעפער איז מדות טיבו - די טבע כביכול פון דעם הייליגן באשעפער איז, להיטב לברואיו, צו גוטס טון פאר זיינע אידישע קינדער, פאר זיינע באשעפענישן. זאגט ער, דער הייליגער באשעפער וויל גוטס טון, ממילא גיט ער אריין אין די הערצער פון אידישע קינדער "ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו ולעבוד את ה' אלוקיך בכל לבבך ובכל נפשך". דער הייליגער באשעפער גיט אריין אין די מחשבות, אין די געפילן, אין די הרגשים, אז דער מענטש זאל וועלן מקיים זיין דאס "ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו ולעבוד את ה' אלוקיך". דער הייליגער באשעפער גיט עס אים אלס א מתנה. דער הייליגער באשעפער ברענגט אים אריין די בענקעניש, די ליבשאפט, ווייל דער אייבערשטער וויל טון מיט אים נאר גוטס. אבער עס שטייט דאך אין חז"ל "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" - יראת שמים קען אונז נישט דער באשעפער אריינגעבן אין אונזער הארץ אלס א מתנה. און אז מען האט נישט קיין יראת שמים, קען מען נישט מקיים זיין דאס "ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו", ווייל יראת שמים איז "זה השער לה' צדיקים יבואו בו" - יראת שמים איז דאך דער שער פון אלע עבודת ה', פון אלע מדות.

די גמרא ברענגט אין שבת לא. אז יראת שמים איז דומה צו א גזבר, צו א שומר, צו א גבאי, וואס מען האט אים איבערגעגעבן די שליסלעך פון די אינעווייניגסטע אוצר, און די אויסערליכע שליסלעך האט מען אים נישט געגעבן. "בהי עייל" - ווי קען ער אריינגיין? רבי ינאי האט אויסגערופן: "חבל" - א שאד אויף דער "דלית ליה דרתה, ותרעה לדרתה עבד" - ער האט נישט קיין הויף און ער מאכט א טויער פארן הויף. ער לערנט תורה און ער האט נישט קיין יראת שמים. רבי יהודה זאגט: "לא ברא הקב"ה את עולמו" נאר מיט די תכלית "כדי שיראו מלפניו" - יראת שמים! "ואלקים עשה עולמו כדי שיראו מלפניו" - ס'זאל זיין א יראת הרוממות, א יראה עליונה, א יראה תחתונה, א יראה עילאה, אבער עס דארף זיין יראה.

ממילא זאגט ער אזוי: דער הייליגער באשעפער שואל מעמך כי אם ליראה, אז דו וועסט האבן יראה, געט דיר דער אייבערשטער א ברכה. דו וועסט זען, איך וועל דיר העלפן אז עס זאל זיין ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו ולעבוד את ה' אלוקיך בכל לבבך ובכל נפשך ולשמור את מצות ה'. מורא'דיגע ווערטער! דו לייג אריין יראה, פתחי לי פתח כחודו של מחט, און איך וועל דיר שוין געבן א מתנה. איך וועל מאכן אז דיין הארץ, דיינע איברים, דיינע גידים זאלן זיך ארייננקאכן אין די איבריגע עבודת ה' וואס פעלט זיך אויס. לייגט דער שם משמואל צו מורא'דיגע ווערטער: ער קען נישט פארשטיין ווי אזוי איז דא א מענטש וואס גלייבט אין דעם באשעפער, וויאזוי איז דאס מעגליך אז ער זאל נישט האבן קיין יראת שמים.

די גמ' ברענגט אין ברכות כח, ווען ר' יוחנן בן זכאי איז געווארן נישט געזונט, זענען אריינגעקומען די תלמידים אים צו מבקר חולה זיין. ווען ר' יוחנן בן זכאי האט געזען זיינע תלמידים, האט ער אנגעהויבן וויינען. האבן די תלמידים געזאגט: "נר ישראל עמוד הימיני פטיש החזק", דער מענטש וואס די גאנצע וועלט שטייט אויף דיר, דו לייכטסט אויף די וועלט, וואס וויינסטו? פארוואס האסטו מורא? די תלמידים האבן נישט געקענט פארשטיין, די גאנצע וועלט האלט זיך אויף ר' יוחנן בן זכאי, ער ברענגט א לעכטיגקייט אויף די וועלט, און ער האט מורא? ער האט מורא פון יענע וועלט? האט ער געזאגט אז ווען מען וואלט אים געפירט צו א בשר ודם וואס היינט איז ער דא און מארגן איז ער אין קבר, און ווען ער ווערט אין כעס אויף עפעס איז עס נישט קיין כעס של עולם, ווען ער שפארט אים איין אין תפיסה בלייבט ער נישט איינגעשפארט אין תפיסה אויף אייביג, טאמער ער הרג'עט אים ווערט ער נישט געהרג'עט אויף אייביג, עס איז דאך דא אן עולם הבא, און מען קען אים מפייס זיין בדברים, מען קען אים משחד זיין מיט געלט, און אפילו אזוי וואלט איך גערויינט, איך וואלט געציטערט.

איצט אז מען פירט מיר צו דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה וואס ער איז חי וקים לעולם ולעלמי עולמים, אויב ער ווערט אין כעס איז עס א כעס עולם, אז ער שפארט איין איז עס אן איסר עולם, אז ער איז ממית איז עס א מיתת עולם, און מען קען אים נישט איבערבעטן מיט דברים, מען קען אים נישט משחד זיין בדברים, און נאך מער, עס זענען דא צוויי דרכים לפני, אחת של גן עדן ואחת של גהינם, און איך ווייס נישט וואו מען פירט מיר, זאל איך נישט וויינען? זעט מען פון דעם וואס מיינט יראת שמים. ר' יוחנן בן זכאי וואס איז געווען דער עמוד הימיני, פטיש החזק, די גמרא ברענגט ארויס וואס איז געווען ר' יוחנן בן זכאי'ס יראת שמים. דאס איז געווען ר' יוחנן בן זכאי, אלעס ארום איז געקומען אונטער דעם.

"נו, כאפט א פחד וואס וועט זיין מיט אונז?" דער שם משמואל לאזט אונז נישט איבער, ער העלפט אונז ארויס. די גמרא זאגט אין ברכות סא אז דער יצר הרע איז דומה לזבוב און ער זיצט בין שתי מפתחי הלב. וואס טוט ער? ער פארשטאפט דעם הארץ, ער לאזט נישט דארט אריינגיין די הארות שכליות, די לעכטיגקייטן, די התרגשות, די התעוררות, די בענקעניש פון דעם מענטש צו רוחניות. ער זיצט דארט ביי די מפתחי הלב און ער פארשטעלט דעם טויער.

אבער עס שטייט אין פסוק "ומלתם את ערלת לבבכם". זאגט דארט רש"י אז "אוטם הלב וכיסויו" דאס איז דער יצר הרע וואס ער איז דומה לזבוב. אז דו וועסט אויפעפענען די טויער, דו וועסט נעמען דעם זבוב, דו וועסט אים רוקן אין א זייט, זאגט דער פסוק "וערפכם לא תקשו עוד" - עס וועט שוין נישט זיין אזא שווערקייט.

חז"ל זאגן אין ברכות טז: "הוא יצר הרע, הוא השטן, הוא מלאך המות, הוא ס"ם וכת דיליה". דער שטן, דער מלאך המות, דער ס"ם, דאס איז די זעלבע זאך. יעצט זאגט ער אזוי: ס"ם איז דאך ס"ם מיט א"ל - די אותיות וואס זענען נישט גוט. וויפיל באטרעפט עס? הונדערט. די אותיות וואס זענען יא גוט זענען די אותיות א-ל - "חסד א-ל כל היום". לעתיד לבוא וועט דער באשעפער שעכטן דעם יצר הרע. וואס מיינט דאס? ער וועט אפטיילן צווישן די אותיות ס"ם און די אותיות א"ל. די אותיות ס"ם וועלן שוין נישט באקומען קיין השפעה פון דעם הייליגן באשעפער פון די אותיות טובות. עס וועט נאר איבערבלייבן א-ל - די צד הקדושה. די אותיות ס"ם איז הונדערט. עס זענען דא הונדערט כוחות וואס רייצן אויף דעם מענטש'ס הארץ, אויף די מפתחי הלב, און עס לאזט נישט אריינקומען די הרגשים של קדושה. עס לאזט נישט דעם מענטש אז ער זאל זיך קענען נאנט ברענגען צום אייבערשטן. און וואס האבן חז"ל געטון צו דעם? זיי האבן מתקן געווען די מאה ברכות וואס מען זאל זאגן יעדן טאג. דורך דעם וואס א איד זאגט מאה ברכות יעדן טאג, באהעפט ער זיך צו די קדושה, און ער נעמט אוועק די הונדערט כוחות, און ממילא קען ער צוקומען צו יראת שמים.

יראת שמים, זאגט דער שם משמואל, דארף יעדער איד האבן וואס גלייבט אז עס איז דא א באשעפער. עס איז א מציאות אז א מענטש טראכט זיך וואס טוט זיך אויף דער וועלט, אז דער אייבערשטער איז אחד יחיד ומיוחד והוא עשה ועושה ויעשה לכל המעשים. אויטאמאטיש ברענגט עס יראת שמים. נאר וואס דען? עס זענען דא די הונדערט כוחות וואס שטייען אויף די פתחי הלב, דער ס"ם וואס לאזט דאס נישט שפירן. און דורך מאה ברכות טוען מיר צוברעכן די הונדערט כוחות און די הארץ ווערט אויפגעעפנט, עס זאל קענען אריינגיין די התרגשות, די התעוררות, דער אור פון דער נפש השכלי, די הויכע כוחות וואס א איד האט.

דער שם משמואל זאגט דארט אן אינטערעסאנטע זאך: שבת איז כל דינין מתעברין מינה, עס איז נישט דא קיין סטרא אחרא, זיי זענען אין דער נוקבא דתהומא רבה. די זעלבע זאך האט דער מענטש נישט די כוחות הרע ווי א גאנצע וואך, עס איז נאר א רושם פון די כוחות הרע. ממילא, זאגט ער, אז מדינא דארף מען נישט מאכן קיין מאה ברכות אין שבת.

די **עקידה** ברענגט אין פרשת שלח אז שבת איז נישט דא קיין ענין צו האבן מאה ברכות, ווייל מאה ברכות איז מתקן געווארן צו מעורר זיין א מענטש אז ער זאל נישט הנאה האבן פון דער וועלט יותר מכדי צורכו. שבת, אז עס איז דא א נשמה יתירה און פון דעם עונג שבת און פון דער תורה וואס ער לערנט מער אין שבת, קען ער צוקומען צו שלימות אן די מאה ברכות. דער בן איש חי ברענגט עס אויך אין פרשת וישב.

למעשה זענען דא אסאך חולקים אויף דעם. אין שלחן ערוך שטייט אז מען זאל משלים זיין די מאה ברכות. אנדערע ווילן זאגן אז ס'מיינט ממידת חסידות, נישט מדינא. עכ"פ, וואס דער שם משמואל מיינט איז אז אשר תקנו, אז לויט וואס מען האט מסדר געווען, קומט נישט אויס אז מען זאל משלים זיין די מאה ברכות. מען דארף טון פעולות צו אנקומען צו דעם, אבער אין דעם סדר היום איז נישט דא קיין מאה ברכות ווייל עס איז נישט דא קיין ס"ם. **זעען מיר פון דעם אז דער איינציגסטער כח וואס מיר האבן צו אוועקרוקן דעם ס"ם פון אונזער הארץ איז די מאה ברכות.**

די גמרא ברענגט אין ברכות לג: "אטו יראה מלתא זוטרתא הוא?" ענטפערט די גמרא: "אין, לגבי משה מלתא זוטרתא הוא." די מפרשים שטעלן זיך: וואס האט די גמרא געענטפערט? איך האב דען נאר געפרעגט אלץ משה רבינו? אויף דעם זאגט ער: יא, וויבאלד די גאנצע מניעה צו צוקומען צו יראה איז דורך דעם וואס די הארץ האט א פארשטאפאכץ (אזוי ווי מען האט פריער אראפגעברענגט פון רש"י), און משה רבינו, וואס די שכינה האט גערעדט מתוך גרונו, האט געזאגט "ומלתם את ערלת לבבכם" (דורך די מאה ברכות, ווי פריער געשמועסט). איז ביי משה רבינו איז עס אזוי געווען - "בדבר ה' שמים נעשו". "לגבי משה מלתא זוטרתא הוא" - יא, ווייל משה רבינו האט געהאט דעם ריכטיגן יראת שמים. דאס איז דער תירוץ. און אז דו ווילסט האבן די ריכטיגע יראת שמים, וועט עס ביי דיר אויך געשען, ווייל משה רבינו האט געזאגט "ומלתם את ערלת לבבכם" - איז עס א מציאות אז עס גייט געשען - "בדבר ה' שמים נעשו". וואס די תורה פאדערט פון דיר איז מאכן די מאה ברכות בכוונה (און אזוי וועט מען קענען צוקומען צו "ומלתם את ערלת לבבכם" - צו יראת שמים).

די גמרא ברענגט אין ברכות לג און אין מגילה כה: "ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה". אטו יראת שמים מלתא זוטרתא הוא? און ר' חנינה זאגט משם ר' שמעון בר יוחי: אין לו להקב"ה בבית גנזיו אלא אוצר של יראת שמים. די בית

גנזיו פון הקב"ה איז דער אוצר של יראת שמים, שנאמר "יראת ה' היא אוצרו". ענטפערט די גמרא: לגבי משה מלתא זוטרתא הוא.

עס איז דא א הפלא'דיגער מהרש"א אין מנחות מג. זאגט דער מהרש"א אזוי: "מה ה' אלוקיך שואל מעמך" - זאגט די גמרא: אל תיקרי מה אלא מאה. די מאה ברכות ה' אלוקיך שואל מעמך. ווייסט פארוואס? ווייל דאס ברענגט "כי אם ליראה" - דאס ברענגט יראת שמים, אזוי זאגט דער מהרש"א הקדוש. ממילא איז עס א גרויסע זאך, יא, ס'איז א גרויסע זאך. מאה ברכות ה' אלוקיך שואל מעמך - פארוואס? "כי אם ליראה" - ווייל דאס איז די איינציגסטע וועג צו צוקומען צו יראת שמים.

דארף מען קודם אין דעם גוט אריינטראכטן. עס איז נישט פשוט, דאס איז נישט סתם א מלתא דחסידותא, עס איז נישט סתם א זאך וואס מען דארף אזוי טון אגב'דיג און עס איז נישט א זאך וואס מען קען טון מצות אנשים מלומדה. דאס איז א זאך וואס ברענגט אונז די תכלית החיים, דאס איז די זאך וואס נעמט אוועק די מאה כוחות פון דעם ס"ם פון דער הארץ, און עס ברענגט אז מיר זאלן קענען מקיים זיין "ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו". עס ברענגט אז מיר זאלן קענען צוקומען צו תורה, עבודה און יראת שמים, אהבת ה' און אלע מדריגות און אלע דביקות הבורא וואס איז נאר שייך.

דער הייליגער ישמח משה ברענגט אזוי: "כי בצלם אלקים עשה את האדם" - ס'דארף זיין א יראת שמים אויפן פנים פונעם מענטש - "מבשרי אחזה אלוק". יעצט זאגט דער ישמח משה אזוי: "נקל מאד לבוא ליראה השלימה על פי שכל" - וועסט דיך אריינטראכטן, וועסטו זען אז עס איז זייער גרינג צו צוקומען צו יראת שמים. דער רמב"ם ברענגט אין ספר המדע הלכות יסודי התורה פרק ד' הלכה י"ב דעם ענין.

זאגט דער ישמח משה "לית אתר פנוי מיניה", אז דער מענטש טראכט אז דער גאנצער וועלט איז "מלא כל הארץ כבודו" קען מען צוקומען צו יראה.

"יראו את ה' קדושיו" - "יראו" איז א לשון פון ראיה און א לשון פון יראה. אז מען טראכט זיך אריין און מען זעט וואס טוט זיך אויף דער וועלט, קומט מען צי צו יראה. "בכל דרכיך דעהו" - עס איז אזוי שווער צו האבן יראת שמים, אזוי רעדט זיך אויס דער ישמח משה. זאגט אבער דער ישמח משה אז די קשיות קומען דורך א מסך המבדיל, די זוהמה וואס קומט פון דעם נחש הקדמוני. אזוי ווי ר' חיים וויטאל אין שער הקדושה ברענגט, אין די כוחות הטומאה זענען דא הונדערט כוחות.

די גמרא ברענגט אין מסכת פסחים קי אז "מאה וחד ופקע שידא". חז"ל זאגן אין מסכת חגיגה דף ט: "אינו דומה מי ששונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה פעמים ואחד", ווייל דער תוקף הטומאה איז מאה, און אז מען לערנט תורה מאה ואחד און מען

איז אריבערגעגאנגען דעם מאה, האט מען מבטל געווען די מאה פון די קליפות. בלייבט איבער די אותיות א-ל וואס דאס איז אונז מחיה, וואס דאס איז די צד הקדושה, אזוי זאגט דער ישמח משה. בדרך השכל וואלטן מיר געדארפט האבן יראת שמים, אבער עס איז דא א ס"ם, עס איז דא א הונדערט וואס האט גרויסע כוחות וואס מאכט אונז קשיות און מאכט א מסך המבדיל. אבער אויב ס'איז דא מאה קעגן דעם פון דער צד הקדושה, ווערט עס בטל.

זאגט דער ישמח משה די ווערטער: א יעדן טאג ווערט א מענטש א בריאה חדשה, און פונקט אזוי ווי די קדושה ווערט נתחדש, זה לעומת זה חלילה ווערט אויך נתחדש די כוחות הטומאה, און כנגדם זענען די מאה ברכות. זאגט ער אבער אז עס דארף זיין געמאכט באמת ובלב שלם לקרב בהם אל השי"ת - די ברכות זאלן אונז נאנט ברענגען צום אייבערשטן, און ובכל ברכה מסיר כח אחד מס"ם ובזה שהוא מברך מאה ברכות וועט אוועקגיין פון אים די כוחות הטומאה און דער מסך המבדיל, און דעמאלט וועט ער זען אז עס איז טאקע גרינג צו זיין א ירא שמים, דעמאלט וועט ער זען אז די יראת ה' איז א לייכטע זאך, עס איז נישט קיין שווערע עבודה.

כי בצלם אלקים ברא את האדם (אז די יראת שמים דארף מען קענען זען אויפן פנים), און אזוי ווי ער האט פריער אויסגערעכנט די אלע פסוקים און מאמרים פארוואס עס איז נישט שווער צו זיין א ירא שמים.

(האבן מיר שוין אראפגעברענגט דעם מהרש"א פון) אל תקרי מה אלא מאה וואס דאס ווייזט אז עס איז לייכט צו זיין א ירא שמים, (און מיט דעם איז פארענטפערט די קשיא פון די גמרא) אטו יראה מלתא זוטרתא הוא? און דער תירוץ איז יא, ס'איז לייכט. די לייכטקייט איז אז דו דארפסט מאכן מאה ברכות בכוונה.

די ברכות דארפן געזאגט ווערן, ארויסגעזאגט יעדעס ווארט און אינזין געהאט די פירוש המילות. מען דארף אריינלייגן א ווארעמקייט דערין. געדענק, אין די מאה ברכות האסטו רעוואלווערס, שיסערס, שווערדן, פיילן און בויגנס אוועקצושיסן א כח פון די סטרא אחרא. אז מען זאגט א ברכה "מממממ...", איז זייער שווער. עס איז א צובראכענער ריוואלווער, ס'איז נישט קיין אויסגעשארפטער שווערד. ער איז פגום, ער האט נישט די כוחות צו צוברעכן דעם יצר הרע. כדי צו קענען געבן א שניט אדורך איין כח פון דער סטרא אחרא, דארף מען האבן אויסגעשארפטע מעסערס, גוטע ריוואלווערס, גוטע שווערדן און גוטע שיסערס, אז מיט איין שלעפ זאל עס געבן א גוטן שאס אריין אינעם ס"ם, עס זאל פארטיליגן מיט איין קול. מען דארף נישט מער ווי אז די פייל זאל קענען צילן אין ציל אריין. ווען מען מאכט א ברכה הויך, שטייט מיט כוונה, מיט א דביקות הבורא, דורך דעם וועט שוין די יראת שמים אנקומען, און די

יראת שמים וועט שוין ברענגען די אהבת ה', די לימוד התורה און די ללכת בכל דרכיו, הפלא ופלא.

דער **בן איש חי** אין פרשת פנחס שרייבט מורא'דיגע ווערטער. ער שרייבט אזוי: די כח און די מלחמה פון א איד מיט די כוחות הטומאה און די קליפות איז בפה, מיט די מויל. אלע כלי מלחמה מיט דעם ס"ם האבן מיר בפה, און פאר דעם האבן אונז די חז"ל מתקן געווען אז יעדע מאל פאר מיר נעמען אריין עפעס צו עסן און צו טרינקן, דארף מען מאכן א ברכה פארן הייליגן באשעפער. ווייל דער יצר הרע איז זיך מתקנא און ער רייצט זיך מיט א איד מיט זיין מויל מער ווי אלע אברים. זאגט דער בן איש חי, די גרעסטע קאמפעטישן, די גרעסטע נגדי וואס דער יצר הרע האט, איז די פה פון א אידיש קינד. דארט שטעלט ער אן זיין גאנצן מלחמה אפאראט, און דער איד דארף אויפשטעלן א מלחמה קעגן דעם יצר הרע מיטן פה. עס איז נישט דא א זאך וואס דער יצר הרע האט אזא התגברות אויפן מענטש ווי אויפן פה, אזויווי תאות אכילה און שתיה. פארדעם האבן חז"ל מתקן געווען א ברכה אויף יעדע מאכל און אויף יעדע טרינקן וואס א איד עסט אדער טרינקט, כדי די מאכל און די טרינקן זאל נישט ברענגען א שעדיגונג, א קלקול אויפן מענטש דורכן מלחמת היצר. אדרבה, דורך די ברכה ווערט מתחזק די כלי מלחמה של האדם, עס שארפט אויס זיין כלי מלחמה וואס ער האט אין די פה צו מכניע זיין דעם יצר הרע.

וועגן דעם זאגן חז"ל, וואס דער אר"י הק' ברענגט, אז ווען איינער איז מזלזל אין ברכות הנהנין חלילה וחס, ברענגט עס חלילה חלילה אז מען זאל פוגם זיין, ווייל עס ברענגט א שליטה פונעם פארקערטן זייט. און להיפוך, ווען איינער איז נזהר בברכות הנהנין, זאגט דער בן איש חי "שהוא ימשול ביצר הרע" א געוואלדיגע ממשלה. ער וועט צוקומען צו א תיקון גדול עצום ורב. אזוי שרייבט ער מיט די לשון: "על כן זאלסטו זען כמה וכמה צריך ליזהר" וויפיל א מענטש דארף זיין געווארנט מיט ברכות, און ער זאל נישט מאכן קיין ברכות לבטלה, און ער זאל זען ארויסצוזאגן די ווערטער בכוונה גדולה. "ואז טוב לו וטוב לעולם" - איז גוט פאר אים און עס איז גוט פאר די גאנצע וועלט.

און דער הייליגער באשעפער האט אין די היינטיגע וועלט פון נסיונות אריינגעלייגט א געפערליכן נסיון אויף דעם ענין פון מאה ברכות, אז מען זאל עס אונטערכאפן און זאגן מיט א שנעלקייט האלבע ווערטער אונטער די נאז און נישט בכוונה, אזוי כאפנדיג. דער הייליגער באשעפער זאל שומר ומציל זיין. מיר דארפן די ברכות, מיר דארפן אז די ברכות זאלן אונז ברענגען צו יראת שמים, וואס יראת שמים ברענגט שוין אלעס. אן דעם האבן מיר נישט יראת שמים און מיר האבן נישט אהבת ה' און מיר האבן נישט אהבת התורה, מיר האבן נישט הבנת התורה, מיר זענען נישט אין די תורה ווי עס באדארף צו זיין.

עס איז א מתנה וואס דער רבונו של עולם האט אונז געגעבן, אבער א מענטש זאל זיך אריינטראכטן וויפיל מאל שפירסטו "איך האב נישט די קאפ צו לערנען, איך האב נישט די קאפ צו דאווענען, איך האב נישט די חשקות התורה, איך האב נישט די אהבת ה'". אזוי פארשלאפן, אזוי פארלאשן, אזוי מיואש, אזוי נאכגעלאזט. וואס טוט זיך מיט די מאה ברכות, די ס"ם כוחות, די הונדערט כוחות אויף די מפתחי הלב? ווי אזוי האסטו געזאגט די ברכות? וויאזוי האסטו געמאכט די "שהכל נהיה בדברו", די "בורא נפשות", די ברכת המזון, די ברכות התורה, די ברכות פארן דאווענען און ביים דאווענען? וויאזוי האסטו געזאגט די ברכות ביי שמונה עשרה, ביים לייגען? מען דארף זיך אריינטראכטן וויאזוי עס קוקט אויס אונזערע ברכות ביים עסן, אונזערע נאך-ברכות. דאס איז אונזער יסוד, דאס איז אונזער געווער, אונזער כלי זיין, אונזער כלי מלחמה, און דאס איז אונזער אונטערהאלטערס. נאר אזוי קען מען אנקומען צו די ריכטיגע יראה, וואס דאס איז די שער לה', און נאר אזוי קען מען אנקומען צו די מתנות פון "ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו". פון איין זייט איז עס א דבר קל, און פון דער אנדערער זייט איז עס א גאר גרויסע זאך.

עס האט פאסירט אין די צייטן פון דעם הייליגן אור החיים. עס איז געווען א גרויסער עושר איד מיטן נאמען ר' יהושע שפארטוס, וואס איז געווען א גרויסער עם הארץ. איין טאג האט ער געקויפט א גארטן, א פעלד פון אן אראבער, וואס איז געווען געבענטשט מיט גרויסע, שיינע ביימער וואס האבן געטראגן געשמאקע, זיסע פירות. עס זענען אויך געווען צוויי גוטע, זיסע קוואלן וואס זייער וואסער איז געווען אזוי באַ'טעמ'ט אז מענטשן פלעגן הנאה האבן פון יעדן טראפן. צוויי חדשים נאכדעם וואס ער האט געקויפט דאס פעלד, איז ער געגאנגען קוקן אויף דעם, און ער האט געטראפן אז די צוויי קוואלן זענען אויסגעטריקנט געווארן, נישט איבערלאזנדיג קיין זכר דערפון. אלע געלט וואס ער האט אריינגעלייגט איז געגאנגען לטמיון און ער האט פארלוירן זיין עשירות. ער איז געגאנגען צום הייליגן אור החיים און האט געוויינט, "מה פשעי ומה חטאתי? פארוואס האט דער הייליגער באשעפער אפגעטריקנט די קוואלן?" בשעת ער האט גערעדט צום הייליגן אור החיים, איז געווען א גלאז וואסער דערנעבן, און ער האט עס אויסגעטרונקען אן מאכן א ברכה. ווען דער הייליגער אור החיים האט דאס געזען, האט ער אויסגעשריגן, "אוי, יהושע, אכן נודע הדבר! דו האסט נישט געמאכט קיין ברכה פארן טרינקען, און אויך נישט נאכן טרינקען. ווייל דו האסט מזלזל געווען אין די צוויי ברכות, זענען די צוויי קוואלן אויסגעטריקנט געווארן".

און ווען דער בעל שם טוב האט דאס דערציילט, האט ער געזאגט, "עס שטייט, ישעי' הנביא זאגט 'ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה'. דאס ווארט 'ששון' האט די גימטריא פון די 'צוויי ברכות', 'שהכל' און 'בורא נפשות'. אויב מאכט איר די צוויי ברכות, וועט איר צוריקבאקומען די קוואלן פון ישועה." דאס איז וואס דער אור החיים

הקדוש האט אים געזאגט, און יהושע שפארטוס האט תשובה געטאן און זיך מקבל געווען צו מאכן די ברכות. דער אור החיים הקדוש האט אים אנגעזאגט אז פון דעמאלט אן, זאל יעדער וואס קומט טרינקען פון די צוויי קוואלן מאכן די צוויי ברכות. נאך פיר און צוואנציג שעה זענען די קוואלן טאקע צוריקגעקומען. ער האט באמת מקיים געווען זיין הבטחה און אנגעזאגט פאר יעדן וואס איז געקומען טרינקען פון די קוואלן צו מאכן די צוויי ברכות מיט כוונה. שפעטער זענען מענטשן אויסגעהיילט געווארן דורך דעם וואסער, און מען האט געזאגט אז מען זאל טרינקען דאס וואסער אין דעם זכות פון דעם הייליגן אור החיים. מען האט זיי גערופן "מעיינות חיים" (קוואלן פון לעבן) אויף זיין נאמען.

עס ווערט אויך דערציילט אז איינמאל האבן די תלמידים פונעם הייליגן ר' משה לייב סאסובער זי"ע געשמועסט וואס וועט זיין אויף יענער וועלט. האט זיך איינער אנגערופן, "וואס קען שוין זיין מיט א יונגערמאן וואס זיצט און לערנט א גאנצן טאג? וואס פאר עבירות קען ער שוין האבן אז ער זאל מורא האבן פארן יום הדין?" האט אים ר' משה לייב געענטפערט, "זאלסט וויסן, מיין קינד, די מאה ברכות וואס א איד זאגט יעדן טאג קענען, חס ושלום, ווערן הונדערט קללות; זיי קענען ווערן הונדערט עבירות. אויב מען זאגט נישט די ברכות מיט א גאנצע כוונה ווי עס דארף צו זיין, דאן זענען זיי, חס ושלום, נישט קיין מאה ברכות." דאס איז וואס ר' משה לייב האט געזאגט. מיר וואגן עס נאר צו איבערזאגן ווייל מיר געבן נאר איבער זיינע ווערטער, און פון דעם דארף מען מורא האבן פארן יום הדין.

און לויט וואס מיר האבן יעצט איבערגעזאגט פון די שם משמואל, פונעם ישמח משה, און פונעם בן איש חי, זעען מיר אז דאס איז דער יסוד פונעם יום הדין. מיר גרייטן זיך צו די הייליגע טעג. זאל דער אייבערשטער העלפן יעדער זאל מאריך ימים זיין. מיר גרייטן זיך צום משפט וואס וועט פארקומען אין דער וועלט, עולם העשיה. ווען מען גרייט זיך צום חודש אלול, דארף מען מאכן א חשבון הנפש ווי אזוי אונזערע ברכות זעען אויס. און מען דארף מזכה זיין אנדערע אידן מיט אן "אמן", און מחנך זיין די קינדער צו מאכן א ברכה הויך און קלאר, זיך נישט שעמען פאר קיינעם.

טראכט פאר א מינוט, לאמיך דיר פרעגן א שאלה: אויב דו ווייסט אז דער שונא קומט, און זיי גייען אריין אין שטאט און טיילן אויס געווער, רעוואלווערס, און זיי גייען אריין אין שול און לערנען ווי אזוי צו שיסן, ווי וואלסטו זיך קעגנגעשטעלט? וואלסטו זיך געשעמט? וואלסטו עס געטון באהאלטענערהייט? אדער וואלסטו אריינגיין מיט התלהבות, וואלסטו זיך צוגעגרייט? די גוים, די רשעים, די שווארצע וואלסטו זיי געלערנט. יעדער זאמלט כוחות. וואס איז דאס? וואס מיינט דאס? מען מוז זיך פארטיידיגן. די רשעים קומען; מען קען נישט נאכגעבן, ווייל אויב מען גיט נאך, ווער ווייסט וואס וועט ווערן? טראכט יעדן אינדערפרי, זיי "חדשים לבקרים" קומען זיי מיט

הונדערטער, און דו האסט א ברירה: הונדערט ברכות מיט כוונה. שעמסטו זיך? פילסטו פארשעמט? טראכסטו וואס אנדערע וועלן זאגן? מאך ברכות הויך און קלאר אז אנדערע זאלן קענען זיך לערנען פון דיר. אדרבה, אויב איינער פרעגט דיר, "וואס האט פאסירט מיט דיר אז דו ביסט געווארן אזוי פרום?" ענטפער אים, "איך בין בכלל נישט אזוי פרום; איך בין א פראקטישער סאלדאט. איך האב מורא פון די מחנה רוחות וואס דרייען זיך ארום אויף די שתי מפתחי הלב, און איך האב געלערנט תכסיסי מלחמה. איך האב געלערנט ווי אזוי צו שארפן א שווערד קעגן זיי, און איך שארף עס. איך הרג'ע זיי אויס; עס איז א מחיה. עס איז נישט אזא שווערע ארבעט. מען דארף זיך שטארקן אין דעם, צו זאגן די ברכות מיט כוונה. א גוטע עצה איז צו זאגן די ברכות אינעווייניג".

עס קומט די יארצייט פון הייליגן טאהשער רבי'ן זי"ע. כל ימי חייו האט ער געזאגט אלע ברכות אינעווייניג, בלי שום יוצא מן הכלל. יעדע ברכה האט ער געזאגט אינעווייניג כדי ער זאל קענען האבן כוונה. אפשר דערפאר איז ער אזוי גרויס געווארן; מיר האבן נישט קיין השגה. אבער וואס מ'האט געזען איז ווי אזוי א צדיק זעט אויס ווען ער זאגט ברכות אינעווייניג: ער איז קיינמאל נישט אין כעס געווארן, ער האט קיינמאל נישט מסיח דעת געווען פונעם אייבערשטן, קיינמאל נישט.

מיט דעם כח פון מאכן ברכות אינעווייניג, איז נישטא קיין "סטרא אחרא". אויב דו ווילסט חשקות התורה, אויב דו ווילסט קענען מתגבר זיין אויף שמירת עינים און שמירת הלשון, זאגט דער בן איש חי אז פאר דעם מויל, וואס דער יצר הרע לייגט זיך אריין דערין, איז דא א תרופה: די הונדערט ברכות מיט כוונה.

דער **שפת אמת** אין פרשת תולדות רעדט וועגן "וימצא מאה שערים", ווי אזוי יצחק אבינו האט געטראפן די מאה שערים. זאגט ער, עס זענען דא הונדערט טויערן וואס עפענען זיך יעדן טאג דורך די כח פון די מאה ברכות. יעדער איד האט א צוטריט צו די הונדערט שערים יעדן טאג. דער פסוק "מה רב טובך אשר צפנת ליראיך" באציט זיך אויף די מאה ברכות, וואס ברענגען ארויס הונדערט שערים פון ברכות. יצחק אבינו, וואס האט פארקערפערט יראה פאר השי"ת, האט דערגרייכט די "יראה" דורך טרעפן די הונדערט טויערן דורך די הונדערט ברכות. דאס איז דער פשט פון "מה ה' אלקיך שואל ממך". אל תיקרי "מה" נאר "מאה". "מאה" רב טובך אשר צפנת ליראיך - אין די הונדערט ברכות ליגט די גרויסע גוטס וואס איז באהאלטן פאר די וואס פארכטן השי"ת. דער פסוק ענדיגט זיך מיט "יראה" ווייל נאר דורך יראה פאר השי"ת קען מען דאס דערגרייכן.

דער **שפת אמת** זאגט אז די הונדערט ברכות זענען "ביד האדם" - אין די הענט פון א מענטש צו ברענגען ארויס. דאס איבריגע איז ביד הקב"ה, אין די הענט פון דעם

אויבערשטן. "מה ה' אלקיך שואל ממך" - וואס איז אין דיין כח? אל תיקרי "מה" אלא "מאה". דו קענסט טאקע נישט דערגרייכן יראת שמים אדער אהבת ה' אליין, איך גיב צו, אבער די מאה ברכות מיט כוונה - דאס קענסטו יא טון.

דער **פנים יפות** אין פרשת תצוה שרייבט טיפע ווערטער איבער די מאה ברכות וואס אן איד זאגט יעדן טאג. זיי זענען א שבח והודאה, א דאנק פאר דעם נס פון אונזער באפרייאונג פון די חמשים שערי טומאה ווען מיר זענען ארויס פון מצרים, און אונזער אריינגאנג אין די נ' שערי קדושה. ער זאגט גודל הפלגות הטובה עס איז געווען אז דער אויבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון כור הברזל, די חמישים שערי טומאה, וינטלם וינשאם ביז מיר האבן דערגרייכט מתן תורה, אריינגייענדיג אין די נ' שערי קדושה. אלס הכרת הטוב פאר דעם נס, זאגן מיר די מאה ברכות טעגליך, אנטקעגן די מאה מעלות וואס דער באשעפער האט אונז געברענגט: 50 ארויס פון טומאה און 50 מדריגות אריין אין קדושה, צוזאמען איז עס הונדערט מעלות אריין אין קדושה, הונדערט שערים, כמה מעלות טובות. פאר דעם, זאגט ער, זאגן מיר די הונדערט ברכות. דאס זענען געוואלדיגע ווערטער.

און דער **שפת אמת** זאגט טאקע אין פרשת לך לך אז די מאה ברכות זענען צעטיילט אין צוויי חלקים. דער ערשטער העלפט איז וועגן זיך אפטיילן פון טומאה, "סור מרע", און דער צווייטער העלפט איז וועגן אריינגיין אין קדושה, "ועשה טוב". "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך". דער מדרש זאגט, "שמעי בת וראי והטי אזנך ושכחי בית אביך". ער ברענגט פון חידושי הרי"ם אז מען דארף קודם מאכן "סור מרע", פארגעסן זיין טבע, און דערנאך איז מען זוכה צו "לך לך מארצך". אזוי ווי עס איז געווען ביים ארויסגיין פון מצרים, ווען מען איז ארויס פון די נ' שערי טומאה און אריין אין די נ' שערי בינה, חמשים שערי קדושה. "לך לך" איז בגימטריא הונדערט, וואס איז אנטקעגן די מאה ברכות. און אין דעם זענען דא פופציג פאר "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך", וואס דאס איז "סור מרע", און פופציג פאר "אל הארץ אשר אראך", וואס דאס איז "עשה טוב."

ווען א איד זאגט די מאה ברכות יעדן טאג, ברענגט עס יראת שמים, וואס ברענגט דערנאך אהבת השם און עבודת השם, און אלע תיקונים וואס מיר דארפן מאכן. ער גיט שבח והודאה פארן אייבערשטן פאר דעם וואס ער האט אונז ארויסגענומען פון די נ' שערי טומאה און אריינגעברענגט אין די נ' שערי קדושה. און ער גייט טאקע ארויס בפועל פון די נ' שערי טומאה און גייט אריין אין די נ' שערי קדושה.

אזוי ברענגט דער שפת אמת ארויס טיפע ווערטער, א גרויסע הייליגע עבודה. אויב איינער וואלט טיף אריינגעטראכט אין וואס מיר האבן דא גערעדט, אין וואס עס טוט זיך אפ מיט די מאה ברכות, וואס פאר א מתנה דער אייבערשטער האט אונז

געגעבן. ווי מען דארף זיך מעורר זיין, און מעורר זיין אנדערע; עס קען נישט זיין קיין שענערע, בעסערע, שטארקערע קבלה טובה ווי דאס, און צו זיין דבוק צום אייבערשטן דורך די מאה ברכות.

אין **די תורות פון סאטמארער רבי זצ"ל,** ברענגט ער דארט צווישן אנדערע ווערטער: די גמרא אין ברכות און מנחות מ"ג ע"ב זאגט, "רבי מאיר אומר חייב אדם לברך מאה ברכות, שנאמר מה ה' אלקיך שואל ממך'." לכאורה, דארף מען פארשטיין פארוואס די תורה זאגט "מה" ווען עס דארף שטיין "מאה". ער פרעגט א קשיא: אויב "מאה" וואלט געשטאנען אין ספר תורה, וואלט די ספר תורה געווען פסול. אויב דער בעל קורא וואלט געליינט "מאה", וואלט ער געדארפט איבערליינען. איז וואס איז דער פשט פון "אל תקרי מה אלא מאה"? עס וואלט געווען א פסול'ע ספר תורה, א פסול'ע קריאה אויב "מאה" וואלט געשטאנען. וואס מיינט "אל תקרי מה אלא מאה"? מען טאר נישט ליינען "מאה", א הפלא ופלא'דיגע קשיא.

אויף דעם ענטפערט ער: דאס וואס מען דארף זאגן מאה ברכות מיינט נישט אז מען זאל זיי זאגן מן השפה לחוץ. ער דארף האבן כוונה אמיתית צו בענטשן דעם הייליגן באשעפער. אלע תנועות פון א מענטש, פון ווען ער שטייט אויף, פאר יעדע מעשה דארף ער בענטשן, דאנקען, און לויבן דעם אויבערשטן. און אלע תנועות וואס א מענטש טוט זענען אריינגערעכנט אין די מאה ברכות. אונזערע חכמים האבן איינגעשטעלט א ברכה פאר אלע תנועות און מעשים וואס א מענטש טוט דורכאויס דעם טאג. דורך זאגן די מאה ברכות, איז א מענטש משעבד זיך צום הייליגן באשעפער, און ערקלערט אז השי"ת איז "הנותן לאדם כח לעשות חיל" (דער וואס גיט א מענטש כח צו דערגרייכן הצלחה). איך קען גארנישט טון; אלעס איז פון דעם אויבערשטן.

דעריבער, איינער וואס זאגט זיי מיט כוונה איז אין א מצב פון "מה" - איך בין גארנישט. "אל תקרי מה" - איך קען נישט דערגרייכן דעם מצב פון "מה" נאר דורך "מאה". די מאה ברכות ברענגען מיר צו האבן דעם אמת'ן "מה" - עס איז נישטא קיין "כחי ועוצם ידי". דעריבער, דאס איז די באדייט פון "מה ה' אלקיך שואל מעמך" - וואס פארלאנגט דער אייבערשטער פון דיר? ער פארלאנגט נישט די "מאה" (וואס וואלט געווען אן אומריכטיגע קריאה); ער פארלאנגט דעם "מה" (וואס קומט דורך די מאה ברכות) - די הכנעה פארן אייבערשטן, די הכרה אז אלעס ווערט געטון דורך דעם אייבערשטן, די הכרה אז מען טאר נישט זיין ברוגז אויף קיינעם, אז מען טאר נישט אריינפאלן אין יאוש, אז מען טאר נישט האבן קיין קשיות אדער טענות, סיי נישט "בין אדם לחבירו" און סיי נישט, חס ושלום, "בין אדם למקום", ווייל אלעס ווערט געטון דורך דעם אייבערשטן. "מה", דער בחינה פון "מה", דאס איז וואס דער אייבערשטער פארלאנגט. און ווי אזוי איז מעגליך צו דערגרייכן די מדריגה פון "מה"? אונזערע

חכמים זאגן, "מאה" - אויב דו זאגסט די מאה ברכות, וועסטו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן פאר יעדע תנועה קלה, דאס וועט דיר ברענגען צו קענען מקיים זיין וואס שטייט אין דעם פסוק, דעם "מה", צו זיין בעניות ושפלות רוח צום הייליגן באשעפער, וואס ברענגט יראת שמים, ווייל דורך ענוה און שפלות רוח, דערגרייכט מען אמת'ע יראת שמים.

מ'דערציילט אז **ר' אלי ראטה**, דער גבאי פון ר' שלמה'קע זוועהילער, פלעגט בעטן ביי יעדן איינעם וואס איז געקומען צו אים: "האב אין זינען די מאה ברכות! זאג זיי מיט כוונה! נאר דאן קען מען זיין אן איד ווי מ'דארף זיין." דאס פלעגט ער זאגן. איינמאל, אויף דער יארצייט פון ר' שלמה'קע זוועהילער זצ"ל, איז ר' אלי ראטה געווארן זייער צוקאכט, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן די מאה ברכות, אז מ'זאל זיי זאגן הויך, אז מ'זאל ענטפערן "אמן" אויף די מאה ברכות. ר' אלי ראטה האט געזאגט מיט אזא התלהבות און ברען: "יעדע אידישע נשמה, ווען עס קומט די צייט פאר איר צו געבוירן ווערן, וויל נישט אראפקומען אויף דער נידריגער וועלט. זי וויל נישט אפגעריסן ווערן פון דעם אויבערשטנס מקור העליון, פון דעם מקום הקדוש מתחת כסא הכבוד, פון וואו די נשמה איז נחצבה, אויסגעהאקט געווארן. צו דעם, זאגט מען איר אויבן, 'הער זיך איין, נשמה, זארג זיך נישט, גיי אראפ, דו וועסט מאכן דארט מאה ברכות יעדן טאג, און דו וועסט קענען בלייבן דבוק צום אייבערשטן.' און מיט דעם, איבערצייגט מען די נשמה צו מסכים זיין אראפצוגיין אויף דער וועלט. דער גאנצער טעם פארוואס די נשמה האט מסכים געווען אראפצוגיין איז ווייל זי וועט זאגן מאה ברכות".

עס קומט אויס פון וואס מיר האבן געזאגט אז די מאה ברכות ברענגען אונז צוריק צו אונזער שורש, צו אונזער נשמה וואס איז מתחת כסא הכבוד נחצבה, דער צלם אלקים. ווי אזוי פארבינדט מען זיך צו אונזער מקום אויבן אין הימל, צו אונזער ארט, צו אונזער שורש? דורך די מאה ברכות - הונדערט ברכות מיט כוונה, הונדערט ברכות מיט א קול.

יעצט, עס שטייט אין די הייליגע ספרים: לכאורה, דארף מען פארשטיין "אל תקרי". וואס מיינט "אל תקרי"? "אל תקרי מה אלא מאה." דער פשט דערפון איז אז עס איז דא א קשיא אויף דעם פסוק, און מען קען נישט פארשטיין דעם פסוק. דערפאר זאגט מען "אל תקרי" - זאלסט עס נישט ליינען אזוי, נאר גלייב אז עס שטייט אזוי. יעצט, דא אויך, דארף מען פארשטיין דעם טייטש פון "אל תקרי מה אלא מאה." ווי כאילו מען פארשטייט נישט דעם פסוק? אבער מען פארשטייט יא דעם פסוק! נאר וואס דען? אין דעם פסוק שטייט, "מה השם אלקיך שואל ממך כי אם ליראה"? עס איז א גרינגע זאך, נאר דאס. און נאך דעם, זאגט דער פסוק, ווי מיר האבן פריער גערעדט, "ללכת לאהבה לעבוד בכל לבבך ובכל נפשך". דאס זענען אויך גרינגע זאכן - "כי אם"

(נאר). "כי אם" גייט אויף דעם גאנצן פסוק. אויף דעם זאגן אונזערע חכמים, "אל תקרי מה" - דו קענסט נישט פארשטיין דעם פשוטן פשט פון דעם פסוק, דו האסט נישט קיין תירוץ, דו ביסט שטעקן געבליבן וואס איז דער טייטש פון "כי אם"? אויף דעם זאגט די גמרא, "אל תקרי מה אלא מאה." יעצט פארשטייסטו דעם פסוק, ווייל אויב דו זאגסט די מאה ברכות ווי עס דארף צו זיין, וועסטו זען אז אלע די זאכן וואס איך האב אויסגערעכנט איז א "מילתא זוטרתא" (א קליינע זאך). ס'איז גארנישט; איך האב דיר גארנישט געזאגט, נאר א "כי אם", א הפלא'דיגע פשט.

אויב א מענטש געוואוינט זיך צו זאגן די ברכות מיט כוונה און מיט שמחה, קומט אויס אז אלע די זאכן וואס די תורה פארלאנגט פון א מענטש - "בכל לבבך ובכל נפשך" - זענען "כי אם", א קליינע זאך. דאס איז די כח פון די מאה ברכות.

דער בית ישראל פון גור פלעגט זאגן אז זיין זיידע, דער חידושי הרי"ם, האט געזאגט: משה רבינו האט מתקן געווען, פאר ער איז נפטר געווארן פון דער וועלט, אז מען זאל זאגן די מאה ברכות, און דאס איז געווען אנשטאט די מאה אדנים פון משכן. די אדנים פון משכן זענען געווען דער יסוד פון דעם בנין, דער יסוד פון קדושה, און די השראת השכינה. משה רבינו האט געוואוסט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן, האט ער מתקן געווען די מאה ברכות טעגליך אנשטאט די מאה אדנים, אז דאס זאל זיין דער יסוד פון אידישקייט, פון אונזער השראת השכינה, פון אונזער קדושה. אלעס ליגט אין די מאה ברכות.

קומט דאך אויס, אז דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן אזא מתנה! עס ברענגט אזא שמחה, אזא התרגשות צו א מענטש. וויפיל אידן וויינען ביי "אתה חונן", ביי "אהבה רבה"! וויפיל אידן וויינען ביי קריאת שמע, "אוי, א שווערן טאג, רבונו של עולם, מאך דעם קומענדיגן טאג גרינגער!" וואס איז מיט די מאה ברכות? ביסטו געווען פינקטלעך? האסטו א רשימה פון די מאה ברכות? האסטו געהאט כוונה? מענטשן גייען היינט צו שמחות, און מ'זאל נישט מקטרג זיין אויף אידן. אין די ימים נוראים זאל מען נאר מעורר זיין רחמים אויף אידן. אבער מ'גייט אריין און מ'זעט פלייש, בשר ודגים וכל מטעמים. א מענטש איז דאך א בשר ודם; אמאל פארגעסט מען ליידער צו מאכן א ברכה, מ'מורמלט א ברכה. און וואס איז מיט די ברכה אחרונה? וויפיל אידן געדענקען, ווען זיי גייען אהיים פון א שמחה, צו מאכן א ברכה אחרונה?

"אל תקרי מה אלא מאה": אונזער גאנצע קדושה, אונזער גאנצע טהרה, אונזער גאנצע שורש הנשמה, אונזער גאנצע עקזיסטענץ אלס איד, ובפרט אין גלות, אונזער גאנצער כח קעגן די אלע נסיונות. מען ראנגלט זיך מיט טעכנאלאגישע כלים; מען דארף רעדן, מען דארף טון. דו האסט א ביקס קעגן זיי, דו האסט א רעוואלווער, דו האסט א שווערד קעגן די טעכנאלאגישע כלים: די "מאה ברכות". ובפרט ווען מען

זאגט זיי אינעווייניג, ווען מען זאגט זיי מיט א כוונה, הויך, און מען איז מעורר אנדערע, און מען זעט צו אז א צווייטער ענטפערט "אמן", און מען ענטפערט אליין "אמן". דאס זענען געוואלדיגע חיזוק'דיגע ווערטער. עס איז א התחייבות, אבער עס איז אויך א חיזוק.

"אין והיה אלא לשון שמחה." "והיה" - די גרעסטע שמחה איז אויבן אין הימל, "עקב", ביים סוף פון גלות, ביי די עקבתא דמשיחא, ווען אידישע קינדער האבן אזעלכע שווערע נסיונות, און פונדעסטוועגן, "תשמעון" - הערן זיי צו דברי תוכחה, זיי הערן צו דברי תורה. דאס איז די גרעסטע שמחה. אין א צייט ווען אידישע קינדער גרייטן זיך צו די ימים נוראים און נעמען אויף זיך גוטע קבלות, זיי הערן צו וואס זיי קענען אננעמען, וואס זיי קענען פאררעכטן. עס ווערט באשאפן א גרויסע שמחה אין הימל; עס איז א געוואלדיגע עת רצון.

זאל דער הייליגער באשעפער העלפן אז עס זאל טאקע זיין אן עת רצון יעצט, אין זכות פון די גרויסע יארצייטן פון די וואך: דער הייליגער רבי, רבינו יואל בן חנני' יום טוב זצ"ל זי"ע, ר' משולם פייש בן מרדכי זצ"ל זי"ע, רבינו שמואל צבי בן ר' אברהם אביש זצ"ל זי"ע. זאל דער הייליגער באשעפער העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו גיין אין זייערע וועגן, צו לערנען פון זייערע מעשים, פון זייער הנהגה, פון זייערע תורות.

דער **מאור עינים** ברענגט אז מען דארף נישט דוקא פארן צום קבר פון א צדיק. אויב מען לערנט די ספרים פון א צדיק און מען לערנט זייערע תורות, איז עס ווי מען איז זיך משתטח ביים ציון הק'.

דער **טאהשער רבי** פלעגט זאגן אז ווען מען צינדט אן א ליכט פאר די נשמה פון א צדיק און מען קוקט דערויף, און מען איז זיך מקשר מיט'ן צדיק, איז עס ווי מען איז ביים קבר. מיר האבן אזעלכע מתנות! איז דאס נישט "והיה עקב"? איז דאס נישט א שמחה ביי די עקבתא דמשיחא, אז דער באשעפער האט אונז געגעבן אזעלכע מתנות? זכותם יגן עלינו.

זאל דער הייליגער באשעפער העלפן עס זאל זיין א כתיבה וחתימה טובה פאר אלע אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין זיווגים הגונים תיכף ומיד, תיכף ומיד, תיכף ומיד! אלע וואס דארפן שידוכים זאלן געהאלפן ווערן בשעה טובה ומוצלחת, אן קיין עיכובים, צו דער צופרידנהייט פון אלע צדדים. אלע וואס דארפן זרע של קיימא זאלן זוכה זיין צו זרע של קיימא בדרך התורה, בדרך המסורה, אן קיין קרומע וועגן, אויפ'ן גלייכן וועג, דורך תורה, דורך תפילה, דורך דבקות אין צדיקים. זאלן זיי זוכה זיין צו זרע של קיימא, געזונטע קינדער, ליכטיגע קינדער, הייליגע קינדער, חניאקישע קינדער, חסידישע

קינדער, תורה'דיגע קינדער, קינדער מיט גוטע מידות, הייליגע קינדער. זאל דער אייבערשטער העלפן מיר זאלן האבן נאר נחת דקדושה. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן האבן הרחבת הדעת, אושר ועושר, יעדער זאל האבן פרנסה בריווח, עס זאל קיינעם גארנישט פעלן, און כלל ישראל זאל נישט אנקומען איינער צום צווייטן - ולא יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה ולא לעם אחר. תורה וגדולה פאר גאנץ כלל ישראל. זאל דער הייליגער באשעפער העלפן מיר זאלן האבן הרחבה והרווחה. מיר זאלן זיין געזונט און שטארק, און שטארק געזונט. על הברואים שלא יחלו ועל החולים שיתרפאו, עס זאל שוין זיין תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה. עס זאל זיך שוין אנפאנגען די ברכות פון די נייע יאר. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אלע השפעות טובות. אידישע קינדער זאלן נאר זיין בשמחה און מאכן אנדערע בשמחה און מאכן שמחות. זאלן מיר זוכה זיין צו משתתף זיין אין איינעם דעם אנדערנ'ס שמחות.

זאל דער אויבערשטער העלפן מיר זאלן הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.